מילכאמע-ווירן

275

ז. כראפקאווסקי

1925 г.

איבערדרוקן און איבערזעצן

□□ איז פארווערט. □□

אַרויסגעבער: וויטעבסקער פּאליגראפפראם.

מילכאמע-וויץ

(לעגענדעס, אנעקדאָטן, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, שפּאַסן, ראָשע-טייוועסן, קאלאַמבורן אוכדוימע, געשאפענע אַרום מילכאָמעס בכלל און ארום דער גרויסער מיל-כאמע פון 1914 — 1917 יאָר ביפראט, ווי אויך — פריזיין-פאָלקלאָר).

געזאמלט און סיסטעמאטיזירט

דורך

ז. כראפּקאווסקי.

ווי טעבסק

1922

PRINTED in U. S. S. R.

הקדאָמע

דער מאטעריאל, וועלכן איך ט״אָג דאָ אונטער פאַרן לעזער, איז געזאַמלט געוואָרן מערסטנטיילס אין וויטעבסקער גובערניע, און דערפאַר ליגט אַף אייניגע נומערן פון אים אַ פּראָווינציעלער קאָלאָריט („ליכט-כענטשן אפן בייס-אוילאָם", „פון סמאָלענסק דזם פלאָט" „שולדיק דער קירזשנער זעליאָנאָוו") פון אַנדערע געגנדן און דער איקער פון די ערטער, וועלכע ס׳זיינען געוועזן אפן ערשטן פייער, איז אין אים אריין ווייניגער.

ס׳פאַרשטייט זיך, אז דאָס, וואָס עס איז צו דער צייט ניט פאַרשריבן געוואָרן, קען מען איצטער רעכענען פאַר אזוי גוט ווי פאַרפאַלן אף אויביג.

דאָך, טאָמער געדיינקט ווער וואָס ניט איז פון די „ס׳ייכלען" פון יענער שווערער צייט, וואָלט איך אים זייער דאַנקבאַר זיין. ווען ער וואָלט דאָס מיר צונעשיקט.

וואָס עס וועט זיין מ׳גלעך, וועל איך אריינעמען אין דער 2-טער אויסגאבע, א׳יב אזאַ וועט ארויסגיין, טאָמער ניט, וועל איך דאָס פאַרעפנטליכן אף אנ׳אַנדער אופן, בעאייס איך וועל ארויסגעבן די צעהענדליקער טויזנטער ווערטלעך און גלייכ-ווערטלעך, וועלכע איך האָב אָנגעקליבן אין אַ מעשעך פון מער אז 15 יאָר, זינט איך פאַרנעם זיך מיט אידישן פאָלקלאָר.

אַלנפאַלס, דאָס, וואָס עס וועט זיך געפינען באַמיר, פאַרצייכנט, איז פיל ווייניגער גאַראַנטירט פון פאַרגעסן צו ווערן. און אַז דאָס זאָל גיין לעא בוד—איז א שאָדן.

וויכטיק פאַר מיר זיינען ניט נאָר נייעסן, נאָר אויך וואַריאַ-

ציעס, אנדערע נוסכאָעס, יוערסיעס פון דעם, וואָס איך דרוק דאָ אין דעם ביכעלע

איך רעכן, אַז וועגן דער באַדייטינג פון אזאַ מאַטעריאַל דאַרף מען קיין פולע ניט ריידן: אין אים, ווי אין א שפיגל, זעט מען א שטיק פאָלקס-נעשאָמע, א גאַנצע היסטאָרישע טקופע...

כוץ ריין אידישן ווץ האָב איך אין דער קאָלעקציע אריינגענומען אויך אייניגע רוסישע נומערן פון די, וועלכע עס האָבן געהאט אַ גאַנג אָדער אין שיל (די לעגענדעס, לעמאשל, וועגן סקאָבעליעוון און וועגן ניקאָלאיס טויט), אָדער צווישן דעם אידישן „יורע-ספר“ (אייניגע וויצן וועגן דער יאפאָנישער מילכאָמע.

На Шипке все спокойно

און אנדערע).

דער מערסט גטיילס מאַטעריאַל איז פון דער מילכאָמע פון 14—17 יאָר, נאָר אַגאוו אורכע האָב איך פאַרצייכנט אויך די געציילטע שפורן פון די פריערדיקע מילכאָמעס, ווי אויך דעם פייזיוו-רעפערטואר.

די באַציהונג צו מ ליטער-דינסט האָט זיך באַ דער באַפעלקערונג פון דער רעוואָליוציע אָן ראַדיקאַל פארענדערט.

אויב פאַרן צארישן רעזשים פלעגט מען זיך אָנטאָן קאָל האַצאָרעס שעבאָאוילאָם, אום ווי עס איז אויסצודרייען זיך פון דער סאָידאטשינע, דער פויער פון דאָרף אף זיין איפן, מייסע פויער געוויינטלעך, ווי אין לידל זינגט זיך:

Пальцы рубят, зубы рвут,
В службу царскую нейдут,
Нехочут

דער איד—אַפן אידישן שטייגער, ווי עס וועט זיין שפעטער

[illegible]

וועגן דעם, האָט עס אָבער ווי מיט א האנד אָפּגע־
נומען בענויגייע צום דינסט אין דער רויטער ארמיי.

דעם פריזיוו—רעפּערטואר דראָהט אַ געפאַר באלד איינגאַנצן
פאַרגעסן צו ווערן, אויב מען זאָל אים איצטער ניט ראַטעווען,
פונקט, ווי עס איז פאַרגעסן געוואָרן, קאמאַט ווי אן אַ זייכער,
דער פאָלקס־וויץ פון דער עפּאָכע פון ניקאָלאיעיווסקע, קאַנטאָ־
ניסטן, כאַפּערס, פּאָמאַניקעס, אכוואָטניקעס א. א. וו. וועלכער
איז בלי ספק געוועזן ניט קיין אָרימער אין יענער צייט.

איינציגע וויצן קענען דעם לעזער או סוויזן פאַר ווארבליבע,
אין בעט פאראויס ענטשולדיקונג פאר זיי:

Слов из песни не выкинешь.

אנעיו דארף אין באמעריקן, אַז בא א פאלקלאריסט
איז דער באגריף „גראָבּ״ לעגאמרי אן אנדערער, אידער
בא א געוויינטליכן באָסאָר־וואָדאָם (פונקט ווי בא א דאָקטאָר,
לעמאָשל, זיינען ניטאָ קיין אייוורים מיאוסע און אייוורים שיי־
נע—אלע גלייך הילט ער אָן; ווען אַלע גלייך
רעדט ער, אזוי איז בא א פאלקלאריסט די באציהונג צו פאלקס־
שאַפן).

דאָך האָב איך עטליכע און דאַווקע שאַרפּזיניקע וויצן
פאָרט ארויסגעוואָרפן,—זאָל בעסער מיינע אריי־
בערגיין.

צווישן די ווערטלעך קען מען געפינען אויך ציניש־ביו־
טאַלע (ווי, לעמאָשל, די מייסע וועגן דעם גאַן־איידן פאַר די
האַרוגיי־מילכאָמע). קיין גרויסן עיפּאָ׳ג האָבן אַזוינע וויצן ניט
געהאַט: זיי האָבן אַ ביסל געשניטן דעם אויער. אַריינגענומען
האָב איך זיי, ערשטנס, צוליב דער מער פאָלקאָמזנקייט פון דע־

קאָלעקציע, און צווייטנס, אַלס מוסטער פון עקסטרעמקייט אין סינע און האַס צום אַלטן רעזשים.

צי איז שיין צו מאכן כויזיק לעצעיוען, וויצלען זיך איבער אַזאַ וועלט-אומגליק?

— אַ פאָלק פּ״עגט ניט קיין הזכשער אַף אַזיינע זאַכן. אידן זיינען סקעפּטיקער מיקאַדמוינים. אָפּלאַכן ליגט שוין אין זייער טעיוע.

פון וועמען? — זאָג אַרט א איון ניט: פון זיך אַליין, פון טאַטע-מאַמען, פון גאָט, פון מאָשיאַכן און אַפּילע פון „גענאַט-קע“.

אַלענפאַלס האָבן אידן דעם מאָל פאַרן „פאַרגע-ניגן“ אַ וויצל צו טאָן זיך געצאָלט גוטע געלט.

30,000 סאָלדאַטן אין דער יאַפּאָנישער מילכאָמע (נאָך די טאַקאָנעס פון מיליטער-דינסט אין רוסלאַנד פלעגט מען די אָפּגעגעבענע אין די מיירעוו-גובערניעס שיקן דינען אין סיביר, און אידן האָבן זיך צוליב דעם אין דער יאַפּאַנישער מילכאָמע אייינגעכאַפּט אַפן מאַנדזשורער פראָנט ניט אין אַן ערעך אַ גרע-סערן פּראָצענט איידער זיי וואָלטן געוואַרפט געבן לויט זייער פּראָפּאָרציע), — 30,000 אַפן יאַפּאָנישן פראָנט. 400,000 סאָל-דאַטן אין דער מילכאָמע — קען מען רעכענען פאַר אַ מעקאַך ניט קיין שלעכטן..

היינט וואו זיינען די קאָרבאָנעס פון „טיל“, די מאַסן גע-האַנגענע פון דעם „העלדישן“ רוסישן קאָמאַנד-באַשטאַנד, די מיליאָנען רואינירטע וויסעליענצעס און ביעזשענצעס מיט די אַלטע פּלאָגן זייערע, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען, און טייל-ווייז שטייען נאָך אויס ביז היינטיקן טאָג, אָנ-הויבנדיק פון גאָלעס-פּראַזען און פאַרענדיקנדיק מיט אַריבער-

פּעקלען זיך גאַנץ אָפט אָפן אוילאָם-האָעמעס פון הונגער, עפּידעמיעס און אַנדערע סיבּעס?..

ביכלאל האָט קיינעם, דוקטער מיר, די מילכאָמע ניט אויסגעוויזן גלייך פון דער ערשטער מינוט אָן — אַזוי אומגעלומפּערט און ווילד ווי אַ אידן, און ווייניגער פון אַלעמען זייגען אידן געווען פאַרשיקערט פון דעם פּאַנאַנדערגעפלאַקערטן שאָוויניזם און אורא-פּאַטריאָטיזם, וועלכע האָבן, ווי מיט אַ קישנף אַרומגעכאַפּט די גאַנצע „קולטורעלע“ וועלט, אַריינדרייענדיק אין זייער שיידים-טאַנץ אַפילע די קעפּ פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל.

אידן האָבן מט זייער קלאָרער ניכטערער אויג באַשיינפּערלעך געזעהען, אַף וויפל אויפּריכטיג און ערליך עס זיינען די אַלע שרייער און קאנאָאים פאַר א מילכאָמע ביז ס אָף, וויפל טרייפקייט און טומע עס שטעקט אין דער קלויםעישטער אירע (ראה) אין זייערער...

אַף א קלייגעם מאָמענט האָט אויך אידן געוועסט פאַרכאַפּט דער וועלט-פּסיכאָז, די מילכאָמע-מעשוגאַאַס, און די ערשטע טעג פון דער קריגהאָבן געגעבן אַ שיין ביסל אידישע וואָלאנטיארן-פּרייוויליגע פון צווישן דער אינטעליגענץ און דער אידישער סטודענטשאַפט.

דער אוילאם האַט פאַרגעסן אָף אַ ווייל ע די אלע אבידעס און באַליידיגונגען, וואַס מי איז זיך אייסגעשטאנען פון דער רעגירונג ביז דער מילכאָמע. זיי האָבן פאַרגעסן, נעבעך, אויך דעם שפּייען אין פּאָנים, וועלכן מען פלעגט קריגן פון די הערשער פון לאנד פאַר סטאַרען זיך אַפן פראָנט און פאַר בלוט פאַרגיסן פאַרן „פאטערלאנד“ — (נאָך דער יאפּאנישער מילכאָמע האָט דער סענאַט, לעמאשל, געפּאַסקנט, אַז די אידן, פּאַרטיידיקער פון באַלאַגערטן פּאָרט-אַרטור, קריגן ניט פון די

פריווילעגיעס, וועלכע עס באַקומען די אַנדערע אָנטיילנעמער פון דער מילכאָמע, אַפילע קיין וואוין-רעכט...), עס האָט זיך געוואלט טראכטן, אַז ניטאיצטער איז א צייט צו פירן כעשבוינעס, אז אונטערן דראנג פון אזא אומגליק וועט פאָניע ווערן א באַל-טשואווע...

„כ ר אָ פ״ איז זיך אָבער געבליבן „כ ר אָ פ״,—און די ערשטע קאַלטע עמער האַט און סינע, מיט וועלכע מי האָט באגאָסן דעם אידן אַפן פראָנט פין אָנהויב מילכאָמע אָן — האָבן דעם אוילאָם טייקעף אויסגעניכטערט...

דערנאָך זיינען שוין כסידים בא אים, בא דעם פאָניע, געבליבן זייער וויניק: געציילטע אלטע באנק-קיוועטשער אין בייס-מעדרעש (שטאַרקע גלויבער ביזן סאַף, אַז ניקאָלאַי איז דאָך אַ מעלעך שעל כעסעד), און אייניגע גווירישע יונגע לייטלעך, אָטסראָטשניקעס, אליין באַזאָרגטע אף אונטערנעמונגען פון צו גיין אַפן פראנט.

די מאַסע האָט געבעטן אַף מאַפאָלעס...

אַף גוטס פאַר אידן האַט מען זיך פון דער מילכאָמע ניט געריכט: וועט פאָניע ג ו י וו ע ר זיין, וועט ער פאַררייסן די קאָפ און וועט אָנהויבן נ אָ ך מ ע ר צו „יושען“, און וועמען, וועמען— אידן וועט קלעקן; פאַרקערט, ווען ער וועט קריגן „איבערן ליק“ וועט ער קאָל־כאַמאָסוי אַויסלאָזן דערנאָך (פונקט ווי אין דער יאַפאָנישער מילכאָמע) ווייטער צו דעם קאפאָרע-הענדל, צו דעם אידן. אַזוי צי אַזוי—אידן וועט א ל נ פ א ל ס קלעקן, הייַנט, אויב זיך אַלץ איינס ניט גוט—זאָל מען שוין אם כ א ט ש אַ ביסל אָנברעכן די ביינער און אַראָפּקלאַפן דעם „יאַ יעסטאַם“ זיינעם.

געלאכט האָט מען, פאַרשטייט זיך, מיט קרעמניעס, מיט גרינע וועריס; עס האָט געהייסן:

טאַטע, דו לאכסט? אז אָך און ווײ איז צו דײן געלעכטער! אָבער פאָרט האָט מען געלאַכט...

און ווי זאָל מען ניט לאכן, אז עס האָט זיך געפּאָדערט, מאַמעש געבעטן, אַז מי זאָל לאַכן?

ווי זאָל מען ניט לאַכן, ווען דו זעסט, ווי אין דער היים, מיט יעהודים, דער פײערדיקער קנאַקער, ווי נאָר צווישן לייטן, — ווערט ער נעבעך גלייך „שוין עפּעס אַנדערש“...

לאַך ניט, לעמאָשל, ווען אַזאַ „באַרימטער“ גענעראל, ווי אָר־לאָוו א שטײגער (פונדער שטראָף־עקספּעדיציע פון 1905 יאר), וועלכער ווײַזט ארויס אַזוינע „בעריעשקייטן“ אין קאמף מיט פּאשעטע פעלד־אַרבעטער אין לאַטוויע, קונציג צושיסנדיק זיי ד רכן פענסטער פון זײן צוג, אָדער האלט אָפּ אַזאַ „גלעוצנדן“ זיג איבער אַ פּאָר מײעס אידישע באָכערים־בערשטער אין קרעסלאַווקע — זוכט נעבעך דערנאָך 3 טעג קעסיידער מיט אַ קאַרטע אין האַנד אַ געוויסן פונקט אין מאַנדזשוריע, וואוהין קו־ראָפּאַטקין האָט אים געשיקט אַף צוציקיועטשן צום טײך די אַריבערגייענדע קויכעס פון יאַפּאַנישן גענעראַל קיראָקי — און געפינט דעם אָרט ניט, און צוליב דעם פאַרשפּילן מיר דעם געשלעג בא ליאַאָיאַן און מוזן דערנאָך אָפּטרעטן מיט דער גאַנצער אַרמײ

В полном порядке,

פאַרשטײט זיך..

לאַך ניט לעמאָשל, ווען אַ צווייטער „העלד“ פון דעם טיפּ (אויך פון אַ שטראָף־עקספּעדיציע), רעננענקאַמף, אַ גלענצנ־דער „זיגער“ אפן אינערן פראָנט מיט אינאָראָדצעס, שווערט, אַז ער וועט זיך לאָזן אָפּהאַקן די רעכטע האַנט, אויב ער וועט אין אַ האַלב יאָר אַרום ניט זײן אין בערלין, פאַרגעסנדיק דער.

ביי מערניט איין קלייניקייט, אַז אַ דייטשעשער „טשעמאָדאַן" איז ניט אַ „אידישער סאַמאָבאָראָנצע—פּיסטויל"..

לאַך ניט, ווען די גרעסטע קעפּ פון זער מעלוכע, אירע לאַנד=כאַכאָמים, סאַנאַטאָרן, ליגן יאָרן־לאַנג אין פּילפּול: ווי איז זער דין, אויב אַ איד, אַ מעגער (פון די אַלטע טוישווים. וועלכע מעגן וואוינען אין דאָרף) פאָרט צו אַף יאָמים־נוראָאים אין שטאָט—צי רעכנט ער זיך ניט נאָך דעם כאָלילע—פאַר אַ „נייַ־באַזעסענעם" און פאַרלירט ניט ציליב דעם די וואוין-רעכט זיינע; אָדער, ווי איז דער דין, אויב אַזאַ מעגער דינט איין אין אימעניע (גוט), וועלכע פאַרכאַפּט מיט איין עק אירן אַכויץ דעם דאָרף, וואו ער וואוינט, אויך נאָך אַ דאָרף, צי מעג ער וואוינען אין אַלע ווינקעלעך פון דער אימעניע אָדער ניט—און אַזוי כאַקרענדיק זיך, פאַרגעסט מען דערווייל, אַז אויב מען רעכנט טאַקע ווען עס איז מיט וועמען צו פירן אַ מילכאָמע — דאַרף מען כוץ פילפּול צוגרייטן כאָטש אַ ביסעלע פולווער מיט האַרמאַטן..

לאַך ניט, צוזעהענדיק, ווי „לייבן", „בערן" פון קישינעוו, האָמעל, אָדעס, קיעוו, ביאַלסטאָק, קרעמענטשיג און נאַך, און נאָך

שטעלן נעבעך פיס,
לויפן מיט „פולע מיכנאָסאַאיב"

גאָרניט מייסע העלדפאַרן ענדיק, פאַרן טייכשעלע נאַר.

לאַך ניט?!

כ,פאַרשטייט זיך, אַז מ׳י האָט געלאַכט...
געלאַכט האָבן אַלע,—געלאַכט האָט דער ווייסער ביליעט=

ניק, וועלכער איז אַ צייט אַ גאַנצע געזעסן גאַנץ רוהיג: „האַ
לעוויי זאָל עס שוין מיט פּאָניען האַלטן, אַז ער זאָל דאַרפן אָנ-
קימען צו מיר!“ געלאַכט האָט דער „אַפּיקוימאָן“, ליגנדיק אין
געהאַקטע וואונדן אַ באַהאַלטענער אין „כיואָיניק“; געלאַכט האָט
דער אַטסראָטשניק, וועלכער איז יעדער מינוט געהאַנגען אַף א
האָר; געלאַכט האָט אַפּילע דער איד אַפּן פּראָנט, אין
אָקאָפּ, אונטערן רעכטן פייער...

אין מיין אַרבעט האָב איך זיך געמיהט צו זיין אָביעקטייו.
עס קאָן זיין אַז מיר האָט זיך דאָס ניט אינגאַנצן איינ-
געגעבן.

די זאַך איז דאָ אָט אין וואָס.

אַכיץ דעם עצעם וויץ האָט פאַר דעם איינדרוק
פון אַזאַ אַרבעט, אַ גאַנץ גרויסע באַדייטונג אויך דער אויפן
ווי דער וויץ איז געקאָמבינירט, געשטוקע-
וועט געוואָרן, אויך דער קאנטעקסט, מיט וועלכן איין וויץ
איז צונויפגעבונדן מיטן אנדערן.

די אַרבעט מיינע איז אייגענטליך אַן,אַרבעט פון א סקאָר-
ניק, וועלכע־ שטוקעיעט צונויף אייַנציקע פעלכעלעך אין אַ גאנצן
בלאַם, נאָר פון דעם סקאָרניק הייגגט אָבער אַפּילע אָפּ דער
אויסזעהען פון זעם בלאַם. עס קען זיין, אַז אין דעם
פּראַט האט זיך אַרויסגעוויזן מיין סוביעקטיוויטעט.
איך מיז אָבער דאָ צוגעבן, אַז קיין איין וויץ לעטוי-
וועס-ן פּאָניע האָב איך פון דעם לעזער בעקיוון ניט פאַר-
לייקנט, און אויב זיי זיינען דאך בא מיר ניטא, איז דאָס אָדער
ווייל איך האָב זיי עפּשער צופעליק ניט געהערט, אָדער
און גיכער פאַר אַלץ, ווייל זיי זיינען פּאָשעט ניט
געוועזן...

אייניגע ווערטער וועגן דער טעכנישער זייט פון דער אַרבעט.

געדרוקט איז זי מיט 2 שריפטן: פעטיט פאַרן קאנטעקסט און ווייסער קאָרפּוס פאַרן עצעם ווערק. קיין אַנדערע שריפטן זיינען אין דרוקעריי ניט געווען.

די אָרפאָגראַפּיע אין פסוקים און ראָשע-טייוועסן איז די העברייאישע.

פון פארשיידענע וואַריאַציעס פון איין און דעמזעלבן ווערק האָב איך אַריינגענומען די מער נאָך מיין מיינונג געלונגענע.

אייניגע זאכן זיינען צונעקומען בעשאאסן דרוקן.

די, וועלכע האָבן געקענט אריינגענומען ווערן גרינג, ניט אָנרירנדיק די אַרכיטעקטור פון דעם אַרטיקל, האב איך אריינגענומען, אייניגע אָבער האָבן זיך בעשום אויפן ניט געשטעקט. זיי זיינען פאַרלויפיק געבליבן פון דער אויסן.

באַוואוסטזינג ניט אריינגענומען האָב איך אַזוינע,—וועלכע זיינען שוין קאַמאט ווי אויוער-באָטעלע געוואָרן, אפגעלעבט זייערע יאָרן און אָנגעוואָרן דעם טאַאַם, וועלכע זיי האָבן געהאַט אין זייער צייַט: צופיל וואָלט מען זיי געדארפט מאסביר זיין, אַז מען זאָל זיי פאַרשטיין,—און ווי מען זאָגט:

Овчинка не стоит выделки.

אין אייניגע ערטער האָב איך געמאַכט עטליכע אפּיענ-דונגען אָן א זייט (וועגן משה-איציען דעם מלמד, וועגן דעם קאָזאַק מיט די רבינו תם,ס תפילין, וועגן דעם אירישן אויסדרינגען פון איין וואָרט א צווייטן...) די אפּווענדונגען שטערן א ביסל דער ארכיטעקטיר פון דעם ביכעלע. איך בעט ענטשולדיקונג פאר זיי. צוליב וואָס האָב איך דאָס געטאָן?—ניט כאָליע אינגאנצן מער גיט ווי צוליב אויסצובריינגען נאך א ווערק („כאבנע איז גלאט אַ שיינע מייסע—ווי שאָלעם אליכעם זאָגט), נאָר ווייל מיט

אַזוינע באַגלייטונגען פלעגט מען די וויצן איבערגעבן אין אונזער געגנד. אלעגפאלס האב איך זיי, די אָפּוועגדונגען, אראָפּגענומען מיט א שטאַק נידעריקער, אז זיי זאָלן ווייניקער שטערן.

ז. כראפּקאָווסק.

מיין אדרעס אַף צושיקן מאַטעריאַלן:

Витебск, Володарская 9—9. З. Храпковскому.

P. S. מאטעריאל נעם איך צו ניט נאר פון מילכאמע־רומל, נאר פון וועכויל מאאמיניב שעהו: אלץ איז פאר מיר א סכוירע און פאר אלץ וועל איך זיין העככט דאנקבאר.

דערזעלבער.

געווידמעט ב. ג

קלאר פאר יעדערן, אז אזא מילכאמע-ווי די וועלט-שכיטע פון 1914-1917 יאר, האט ניט געקענט דורכגיין „אזוי-זיך", ניט אַ פארטשעפּעטע פון אידישע בייזע אַינג און פון אידישן גאַליגן וויץ. זייער אַפּולע איז אַריינגעזאָגס געוואָרן אין דעם מעשעך פון די עטליכע יאָר. צום באַדויערן איז ניט אלץ צו דער צייט פאַרצייכנט געוואָרן. נאָר גענוג די ביסעלע, וואָס איך איינער אַפּילע האָב אָנגעקליבן, מי קען זאָגן, צווישן די רעגנדלעך, אים צו באַקומען אַ שאַרפּן בילד וועגן אידישע שטימונגען און איבערלעבינגען אין יענער שווערער צייט און וועגן זייערע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס דאַמאָלסט.

פּאָליטיקע און מילכאָמע פראַגן האָבן אַלע מאָל אידן געאינטערעסירט, און מייטעלעך וועגן דער אנגליטשאַנקע און דעם טערק, וועגן סעוואַסטאַפּאָל און פראנצויזן-פלעגן ביין-מינכע-לעמיירעוו פאַרנעמען ניט קיין ווייניגער בעקאָיוע-דיגן אָרט אין דעם „שול-רעפּערטואַר", איידער מייסעלעך, לעמאָשל, וועגן גוטע אידן און לאַמעד-וואווניקעס, וועגן „ניט-גוטע" און לענטעכער אוכדוימע.

פון די גאָר אַמאָליקע מילכאָמעס האָבן זיך ביז היינטינן טאָג אָפּגעשטעלט זייער ווייניגע שפּורן, אַזוי, לעמאָשל, האָבן זיך נאָך אַז-האַיאָם פאַרהאַלטן פון דער פראַנצויזישער מילכאָמע דער ייערטל:

ער געדייַנקט נאָך פּראָנצויזן, (אויף זייער אן אלטן מאָן)
און די פאלגנדע שיינע לעגענדע:

דער אַלטער רעבע, זיכרונו לברכה, איז געווען אפן צאַד פון וואַסיי, רעבע אַהאַרן קאַרלינער, פאַרקערט, האָט געהאַלטן פאַרן פראַנצויז. ביידע האָבן זיך געהאַט זייערע כּיימים: דער אַלטער רעבע האָט מוירע געהאַט, אז די פּראַנצויזן זאָלן מיט זיך ניט אַרייַנטראָגן קיין אפּיקורסעס אין לאַנד. רעבע אַהאַרן קאַרלינער האָט אָבער געטייַנעט, אז וואוהין די פראנצויזן קומען, ברייַנגען זיי מיט זיך פרייהייט פאַר אידן. מין האַשאָמאאים האָט מען די ביידע גוטע אידן געגעבן צו וויסן, אז גויווער זייַן וועט דער פון זיי, ווער עס וועט פון זיי פריהער באַווייַזן אפּציפּראַווען טקיעס. דעם ערשטן טאָג ראָש־האַשאָנע איז רעבע אַהאַרן קאַרלינער אופגעשטאַנען קאַאַלויס, האָט אָפּגעזופּט זעם שאַכריס ווי גיך ער האָט נאָר געקענט, האָט אָן שיעס אָפּגעפּראַוועט זעם לייענען מיטן מאַפטיר און האָט זיך גלייך גענומען פאַרן שויפער. נאָר ווי נאָר ער האָט אים אָנגעטאָן אין האַנט, האָט ער גלייך דערפילט, אז ער האָט פאַרשפּילט. „פאַרפאַלן“, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „מענאַצייעך זייַן וועט אלעקסאַנדר. דער

רעבע האט שוין געבלאזן"... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַלטער רעבע האָט געטאָן קליגער: ער איז אויך אופגעשטאַנען קאַאַליס און — האָט נאָך פּאַר שאַבּריס אָפּגעפּראַוועט טקיעס.

א אינטערעסאַנטע לעגענדע האט זיך אָפּגעשטעלט וועגן די סיבּעס פון סעוואַסטאָפּאָלער קריג.

זייענדיק וועגן אידישע איניאַנים אין רוסלאַנד, איז רעבע מוישע מאַנטעפיאָרע אָנגענומען געוואָרן אָף אַני׳אאוּדיענץ בּאַ ניקאָלאַיען. גערעדט האָט מאַנטעפיאָרע מיט אים וועגן „פּראַוועס״ פאר אידן און האָט אים אָופגעוויזן, אַף וויפיל דאָס וואָלט געבראַכט נוצן אויך רוסלאַנד. א ראַיע האָט ער אים געבראַכט פון אייַנגלאנד, וואו אידן האָבן פראוועס און מאכן דערפאַר גליקלעך די מעדינע. ניקאָלאַי איז געווען בּעשאַס־מייַסע א ביסל אויסגעטרונקען, האָט ער א זאג געטאָן: „אויב אייַנגלאַנד ווערט פון די אידן אזוי ניסאשער, קען איך איר פאַרקויפן אַלע אידן פון רוסלאנד, און — וואָלוול: א פּיטאַק א אידן...

מאנטעפיאָרע האָט גלייך ערקלערט אין דעם נאָמען פון דער אייַנגלישער רעגירונג, אַז זי איז מאסקים אַפן מיסכער און קויפט אָפּ בּיז איין אידן פון לאַנד.

ביים געשפרעך איז אויך בייגעווען דער נאַסליעדניק, אליעקסאנדער דער צווייטער. נאָכדעם אז מאנטעפיאָרע איז ארויס, האָט ער גענימען אויסריידן דעם טאַטן פארן איבערפאַל, וואָס ער האָט דאָ געטאָן: „דו וועסט דאָך אומגליקלעך מאכן די לאנד, פונקט ווי איספאַניע מיט איר גייריש אַמאָל"...

פאר זיין אנטקעגן ריידן האָט ער פונם טאַטן געכאַפט זיין פסאק — אף 24 שאָ אונטער'ן ביקס, — נאָר די ווערטער זיינע זיינען ניקאָלאַיען פאָרט אריין אין די אויערן. נאָכדעם, אז ניקאָלאַי האָט זיך א ביסל אויסגעניכטערט, האָט ער זיך אליין אויך געכאַפט, אז ער איז זאָ מיעס אריבערגעפאלן.

וואָס זשע טוט מען?

מאנטעפיאָרע איז שוין דערווייל פון פעטערבורג געווען אָפּגעפאָרן. פאָרנדיק אַהיים, האָט ער זיך פארהאלטן אין ווילנע אף יום-קיפּער. ערעוו-יום-קיפּער באַקומט ער א בריף פון דעם צעמאַך צעדעק, זיכרונו לבראָכע, מיט אזאַ נוסעך: „פּיקוח נפש דוחה שבת, ואפילו יום הכפורים שחל להיות בשבת" (ד. ה. ראַטעווען דעם לעבן שטייט העכער פון שאַבעס און אַפילע פון יום-קיפּער, וועלכער פאלט

אויס אום שאבעס). מאנטעפיאָרען האָט אָט דער בריף מיט דער מאָדנער נוסכע מיט זייגער זייער פארוואונדערט. ער האָט בעשום אויפן ניט געקענט פארשטיין, וואָס זאָל דאָס באטייטן.

אף מאָרגן, ארום מוסעף צייט לייערען, ברייגגט צו־טראָגן אַניעסטאַפעט אין שול פאר מאנטעפיאָרען א פער־זענליכן בריף פון דעם קייסער. יוים־קיפּער, האָט מאנטע־פיאָרע אליין דעם בריף אָפּבאַסמענען ניט געוואָלט און האָט געבעטען וועגן דעם דעם עסטאפעט. נאָר ווי נאר יענער האט אופגעבאסמעט דעם קאָנווערט, איז ער גלייך געפאלן א טויטער: דער בריף האָט זיך ארויסגעוויזן א פארסאמטער: (דאָס האט ניקאלאי באשלאָסן צו סאמען מאנטעפיארען קע־דיי באָטל צו מאכן דעם „מיסכער".)

אָט דא ערשט זיינען פאר מאנטעפיאָרען קלאָר געוואָרן דעם צעמאַך־צעדעקס ווערטער: „פיקוח נפש דוחה שבת א. א. וו." ער האָט פארשטאַנען, אַז דער לעבן זיינער דאָ אין רוסלאַנד איז איצטער אין סאַקאָנע, און האָט געהייסן גלייך שפאַנען די פערד און איז אום יוים־קיפּער אַריבערגעפאָרן דעם גרעניץ.

אַז ער איז געקומען אהיים און האָט איבערגעגעבן

דער „אַנגליטשאַנקע״ וועגן דער מייסע, איז זי אַנ׳אָנגע־צונדענע געוואָרן:

מיינעם אַ מיניסטער וועט ער וועלן סאמען!
גלייך האָט זי ניקאָלאַיען ערקלערט דערפאַר קריג...

נאך א לעגענדע האט זיך פארהאלטן וועגן דער סיבע פון ניקאלאיס טויט, אויך א פארבונדענע מיט סעוואסטאפאל.

די לאַגע פון סעוואַסטאָפּאָל האָט גענומען ווערן אלץ ערגער און ערגער. איינמאָל איז דער קריגס-מיניסטער געקומען צו ניקאָלאַיען מיט אַ „דאָקלאַד״, אַז עס איז שוין נימאָ דערטן קאַמאַט ניט מיט וועמען און ניט מיט וואָס צו שלאָגן זיך, און ניסאָ סוין וועמען צו שיקן אויך. ניקאלאַיען האָט פון דער יעדיע געכאַפּט ווי אַ מין אַפּאָ־פּליעקציע, ראכמאָנע ליצלאַן: באַ אים האָט גלייך אָפּגענומען דער לאָשן. ניט קענענדיק ריידן, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין אַ פּראָסטער גוי־אישער סעמיאַגע מיט אַ האַק אַף די פּלייצעס און האָט קאַם אויסגעשטאַמעלט: „Я ратник“

דער מיניסטער האָט פאַרשטאַנען, אז ער מיינט, אַז מען זאל נעמען ראַטניקעס. צו יענער צייט זיינען ראַטניקעס געוועזן אנ׳אוילעם אין מילכאָמע-זאַכן לעגאַמרי ניט קיין געלערנטער. מען האָט טייקעף אָנגעקליבן 40 טויזנט פּראָסטע גוי־אים,

אָנגעוואָפּנט זיי מיט העק און מיט לאָמען און אויסגע-שיקט קיין סעוואסטאָפּאָל.

דער גענעראַל, וועלכער האָט זיי געפירט שוין דאָרטן צום שלאַכט, האָט מיט אמאָל באַמערקט, אַז די ערד איז פּאַרמינעוועט געוואָרן, האָט ער אַ קאָמאַנ-דעווע געטאָן: „Мина“! פּאָשעטע גויאים, האָבן זיי דאָס אָנגענומען פאַר: „Мимо“! און האָבן זיך אויס געלאַכט:

„Што ето за мимо? Пойдем прямо“

ס'פאַרשטייט זיך, אז זיי זיינען אַלע ביז איינעם אופ-געריסן געוואָרן.

אז די ידיעה איז דערגאַנגען צו ניקאָלאיען, האָט בא אים גלייך געפּלאַצט די גאַל...

פון די טערקישע מילכאמעס זיינען געבליבן אין שפּראַך די ווערטלעך:

ער איז צובּרידן, גלייך ווי ער וואלט איינגענומען משאק (אפּאנים—אטשאקאוו).

ער מיינט, ער'ט דאָ גענומען פלעוונע! (אז איינער מיינט, אז ער האט דא אפּגעטאן א מייעדייע וואס פאר א גרויסע זאך).

ער איז גאָר קיין טערק ניט (ער איז דאווקע ניט קיין נאר).

וואָס? אַ טערק איז ער? (ער'ט זיך און רער אבידע ניט לאזן).

ער'ט אים אָפּגעטאָן אף טערקיש (אפגעטאן א שפיצל)

טרובע אנ'אַלטן טערק! טאָמער איז ניטאָ קיין אַלטער—

וועסטו א טרובע טאָן א יונגן.

קויף א לאַנגן ציבּיק (ד. ה. וועסט מיט אים א טרובע טאן).

פון אַזאַ מייסע קען טאָפּן טערקישע ווערים.

אליך דער ריסישער:

На Шипке все спокойно.

קעדאי צו פארצייכענען אויך די לעגענדע וועגן סקאבעליעוין.

דער באַרימטער העלד פון פליעוינע איז גלייך נאך דער מילכאמע אראָפּ פון

דער פאליטישער סצענע. וועגן דעם פאקט איז געגאנגען אט וואס פאר א ווערסיע:

אין בערלינער קאָנגרעס איז סקאָבעליעוו געווען

דער פאָרשטייער פון רוסלאַנד. דערזעהען האָט ער, אז די

„אַנגל טשאַנקע" שרויפּט אף אויסצודרייען די רעזולטאַטן

פון דער מילכאָמע אויגאַנצן לעטויוועס איינגלאַנד. אים

האָט דאָס אף אזוי פיל פארגומען, אז ער האָט

פארגעסן, וואו ער געפינט זיך אף דער וועלט, און האָט

איר בעפּומבּיי אויסגעדרייט דעם עמעסן רוסישן „מי־

שעבייראך", אזוי ווי א פּאָניע קען: „די, אזא און אזא...

אין דער מאַמען איר אַריין! מיר וועלן בלוט פארגיסן,

און זי וועט האַנאָע האָבן!.."

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ סקאַנדאַל האָט ניט געקענט
פאַרשוויגן ווערן. „די אַנגליטשאַנקע״ האָט טייקעף געגעבן
צו וויסן רוסלאַנד. אז אויב סקאָבעלעוו וועט אין 24 שאָ־
ניט קריגן פאַר זיין „ארוויסטרעכונג״ קיין טויט־שטראָף—
ערקלערט זי רוסלאַנד גלייך מילכאָמע. וואָס טוט מען
דאָ? פראַווען, ווי מע זאָגט, נאָך א כאסענע טייקעף א
בריס—נאָך א יין מ לכאָמע פירן גלייך די א נ ד ע ר ע
און נאָך מ י ט א יי נ ג ל ע נ ד ע ר, פ ר י ש ע ק ו י=
כ ע ס ד ע ר צ ו — וואָלט פאָשעט געווען אַנ׳אָנזין.
האָט מען סקאָבעליעוון פון בערלין גלייך צוגענומען
און „אָפּגעטאָן אים זיין רעכט״... נאָר דעם העלד פון פלעוו=
נע, פאַרשטייט זיך, האָט מען מער ניט אז פון לייטנס=
וועגן געטויט: אין דער עמעסן האָט מען אים אומגעבראַכט
די פאַמיליע, און ער האָט דערנאָך געלעבט אַף אַ פרעמדן
נאָמען...

שפּעטער אין דער צייט פון דער יאפּאנישער מילכאמע האט זיך פארשפּרייט
דער קלאַנג, אַז

דער אַלטער ליוועייכש — דאָס איז דער אמאליגער
סקאָבעלעוו.

מערער מאַטעריאַל האָט געגעבן די יאַפּאָנישע מילכאָמע. אייניגע „נומערן״
פון יענער צייט וועלן געבראַכט ווערן שפּעטער.

גאָר אַנטקעגן דער מילכאָמע פון 14—17 יאָר קומט אין דעם פראַט ק יי ן א יי נ ע פ ו ן ז יי נ י ם.

זי האָט געגעבן שוין ניט לעגענדעס (לעגענדעס וועלן עפשער ערשט שפּע-טער געשאַפן ווערן) נאָר מאַטעריאַל גאָר פון אַנ׳אַנדער סאָרט.—א י ר אָ נ י ע א ו ן ס א ר ק א ז ם. צופיל האָט זי אָנגערירט די לעבנס-אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן, צופיל סינע און האַס האָט זיך אָנגעבאַקט צו יענער צייט באַ דעם אידן אפן הארצן,—אז ער זאָל קענען ריידן וועגן איר „אזוי-זיך״, קאלט-בלוטיק...

ווי האָט זיך פאַרפירט די מילכאָמע?

שוין מיט עטליכע וואָכן פאַר דעם פאַרקאָכן זיך פון דער וועלט-קאַשע, גלייך נאָכן סאַראיעווער שאָס, האָט זיך אין לופט גענומען פילן דער רייאַך פון פולווער. ווייבער האָבן זיך געשושקעט:

מע זאָגט, אז רוסלאַנד האַלט באַ אַ מילכאָמע מיט ראַסיי, און אַ סוואַרע, אַז „אונזערער״ וויל זיך אויך אריינ-מישן אין איר...

וויטעבסקער כאַכמע-לעזשאנקע האָבן בעסאָד-סוידעס איבערגעגעבן וועגן די האכאָנעס, וואָס עס קומען פאָר:

מען רעכנט צו ברענגען פון סמאָלענסק דעם פּלאַט אהער...

נאָר דאָס זיינען געווען אַלץ קלאַנגען, געוויינטלעכע פּאָשעטע קלאַנגען, וועל-כע פלעגן אָפּט פארשפרייט ווערן אין יענע צייטן. קיינער האָט זיך ניט געריכט, אַז דערפון זאָל עפּעס וואָס ארויסקומען.

ווי האָט זיך פאַרקאָכט די גרויסע קאַשע?

אידן האָבן דאָס דערנאָך אַזוי געגעבן צו פארשטיין:

— די דייטשן האָבן געגעבן גרויפּן (פון קרופּס זאַוואָד: גרויפּן איז אין רוסיש — крупа) די איינגלענדער האָבן צוגע-שטעלט וואַסער, די טערקן פלעגן פאַרגעבן פעפער (טערקישער פעפער) און רוסלאַנד פלעגט שטעלן פיס (פ״ש).

אף וועמעס צאד זיינען געווען אידן אין דער גאנצער צייט פון דער מילכאמע?

אויב און דער צייט פון דער יאַפּאַנישער קריג האָט נאָך „אונזערער״ גע-האַט א היבשן פּראָצענט אָנהייגער און כסידים צווישן אכיינו-בניי-אישראָאייל האָט ער זיי קאַמאַט ווי אינגאַנצן פאַרלארן צו דער צייט פון דער מיל-כאָמע מיטן דייטש.

צופיל האָט ער זיך געסטאַרעט צוליב דעם: די קאָנטער-רעוואָליוציע פון 1906—1907 יאָר, די רעאקציע אין די שפּעטערע צייטן, מייסע ביילים, פּאַסטאָוו, פּאַגראָמען, גיירושים, פּראַוואָזשיטעלסטווא, פּראָ-צענט-נאָרמעס; הײנט ווייטער בילבולים אף אידן בעשאַסן מילכאָמע גופע: מייסע

קושי, לעגענדעס וועגן טעלעפאָנעס אין די בערד, וועגן אידישן שפּיאַנאַזש און נאָך און נאָך—דאס אלץ איז געיועזן גאַנץ גענוג, אז קיין איין איד קאמאַט זאָל ניט זיין אף זיין זייט.

„פּאָניעץ״ (אַפאָנים פון Афоня—אזוי האָבן אידן גערופן ד י ג א נ צ ע ק אָ מ פּ אַ נ י ע ר ע ד ל־פ י ר ע ר פ י ן ד ע ר מ ע ל ו כ ע: דעם בּיוראקראט, דעם פּאָרעץ, דעם „קנעפּל,״ דעם „קופּטשינא״ אין יעדער שווארץ־מייעניק״ ביכלאַל)—„פּאָניעץ״ האבן אידן פיינט געהאט נאָך פון לאנג:

זעסט׳אָך—אַ פּאַסטעך—און פונדעסטוועגן—ע ר מ ע ג

וואוינען אין מאָסקווע און ד ו נ י ט.

מיט פּאָניעס נעמען פלעגט מען זיך נאָך אין קיידער זידלען:

שצאָפּקע, כריסאָי, האַורילע, יוריע, איוואַנקע,

אסטאַפּ, גוי, גויאישע קאָפּ א. א. וו.

מיט פּאָניען פלעגט מען זיך שילטן:

געהאַרגעט זאָלסטו ווערן אין א גויאישער גאַס.

נאָר פאר די לעצטע יארן איז די סיבע צו אים דערגאַנגען ביז איר העכסטער מאדרייגע.

די פּאַראַנדקעס אין לאַנד, דער ווילקיר, די מעמשאָלע פון דער בייטש—האבן ארויסגעפירט פון גלייכגעוויכט די ס א מ ע ר ו ה י ג ס ט ע א י ד ן. א ל ט ע ווייבער אַ פּ י ל ע פלעגן זינגען:

„גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאר די רייד, איך האָב

א ז ו י פ יי נ ט דעם קאָזאק מיט דער נאַגייקע!..״

„פּאָניע איז געוואָרן אַ סינאָנים פון אָפּגעלאָזנקייט, פון פּראָסטקייט, פון צולאָזנקייט:

פּאָניע־כראָפּ!

פּאָניע־קוואַס!

פּאָניע־גאַנעווו!

קיין אַנדערע נעמען האָט ער ניט געהאַט.

די לאַגע האָט מען ניט געקענט אָנזעהען...

איינע אַ ווייבל, פּלעגט מען דערציילן, קען ניט אויס־רײדן שאַרף קיין ריש, זאָגט זי—י ו ס ל אַ נ ד.. („יוט" איז א וואָרט, מיט וועלכן מי טרייבט כאַזאַריים—פּונקט ווי מיט „קיש", לעמאָשל, טרייבט מען הינער)

אונזער רעכטלאַזיקייט האָט געהאַט אַ ש ע ם אַ ף ד ע ר ו ו ע ל ט.

אַ האָז, דערציילט מען, איז געלאָפן אַמאָל פון רוסלאַנד אין גערמאַניע. אַפן גרעניץ שטעלט אים אָפּ אַ האָז א דייטשעשער:

וואוהין?

— איך לויף פון רוסלאַנד: דאָרטן איז די טעג ארויס אַ באַפויל, אַז מען זאָל אונטערשמידן אלע קעמלען.

— א ז וואָס זשע ה אָ ס ט ו מוירע? דו ביזט דאָך ניט קיין קעמל?

— שמועסט מיט פּאָניען!—פּ ר ו ב ט דיך דער־

ווייל אונטערשמידן, און דוּ גיי דער-
נאָך דערווייז אים, אז דו ביזט ניט קײַן קעמל...

און דערפאַר—פלעגט נאָר אָט דער פאָניע כאַפּן קלעפּ, פלעגן די מערסטנטיילס אידן גאָר אָנקווועלן פון נאַכעס.

עמעס, מי איז אליין אויך „געלעגן אין טינטער" (אין דער אַרמיי איז געווען א גרויסער פראָצענט אידן, און רוסלאנדס אַ מאַפּאָלע האָט באַטייט אויך אַפולע אידישע קאָרבאָנעס); עמעס אויך, אז מער פון דעם „פאָניע" האָט געליטן דער פאָשעטער פויער, דער

з е м л я ч о к,

און צו אים האָבן אידן דאַווקע גאָרנישט געהאַס,—נאָר דאָך האט מען געבעטן אַף מאַפּאָלעס:

תמות נפשי עם פלשתים! (מיר אַ טויט, און אים אָבער אויך א טויט!)

אף הערשעלע עסטערפּאָליער דערציילט מזן: בא אים האָט זיך אַמאָל אָנגעצונדן די שטיבל זיינע. גאַנץ שטעטל איז זיך מיסאסעק מיטן לעשן, די ווייב וויינט, און ער—שטייט און טאַנצט: „אַי בין איך איצטער צופרידן! אי האָב איך האַנאָע! אָט רעכנט זיך דאָס אָפּ דער ריבוינע-שעל-אוילאָם מיט מיינע וואַנצן!.

אַזאַ, לייערעך, נעקאמע האבן אידן דעם מאָל געזעהען אָן רוסלאַנד!...

וועגן דעם איז געגאַנגען אַ שיינע מאיסע:

באַ אַ פּאָרעץ האָט געוויינט אַ איר אַן־אַרענדאַטער. פלעגט זפּעס טרעפן אַ סימכע אין הויף—אַ כ אַ ס ע נ ע, לעמאָשל, אַ „כ ר ע ס ב ע נ ע ס״—פלעגט מען זיך גאַנץ גוט אָנטרינקען דאָרטן און „כטוב לב המלך״, קומען צו דעם אידן דע־נאָך, אויסברעכן ביזן איין שויב בא אים און נאָך אויינצימבלען אים אין „כאַד־גאָדיע״ דערצו... פלעגן טרעפן „פאָמינקעס״ אין הויף, אדער אַ פייגער, לעמאָשל, —פלעגט זיין די זעלביגע כאַסענע: ווייי־טער געטרונקען, ווייטער שויבן געבראָכן, און ווייטער שמיץ דעם אַרענדאַטאָר...

פלעגט שוין בעטן דער איד:

ריבוינע שעל־עולאָם, אַלץ איינס שמייסט מען מיך, צי אף כאַסענעס צי אף פאָמינקעס—זאָלן שוין בעסער באַם פּאָרעץ זיין פאָמינקעס...

צו יעדער מאַפּאָלע פלעגן אידן פאָניען „פּאַפּיקעווען״:

אַהאַ! דער ריבע פלעגט דיר טיינען אין כיידער: „פויער, געדיינק דעם טייטש!״ האָסטו געלאַכט?! אָט איז דיר!

גלייך ווי די מילכאָמע האָט זיך נאָר פאַרפירט, האָבן שוין אידן געפילט, אַז פאָניע וועט דאָ כאַפּן ריסוק אייווערים: דער גוירל זיינער איז שוין געווען באַשטימט אפן הימל.

מי האָט דערציילט:

בא דעם ערשטן שאָס איז אין פּאַמאָליע-שאָל-מיילע (אפן הימל, אין די הייכע ספערן, אונטער גאָטס פּאָרזיצונג) פּאָרגעקומען אַ באַראַטונג: וועֶר זאָל זיגן?

דער אויבערשטער האָט געהייסן מי זאָל אויסוועגן אף די שאָלן יערערנס זאָכיעס אין כאַטאָאים.

גלייך האָט דער סאר פון רוסלאַנד (דער מאל, עך אין הימל, וועלכער שטייט פאר רוסלאנד) אַ'ופגעוואָרפן אָף איין שאָל די גאַנצע דייטשישע עסענער פאבריק (קרופּס זאַוואָד) מיט אַלע אירע האַרמאַטן און „טשעמאָדאנעס": זע, ריבוינע שעל אוילאָם, וויפל די דייטשן האָבן דאָס אנגע-גרייט געווער אף צופּאַרגיסן אומשולדיקע מענשליכע בלוט!"

דער סאר אבער פון דייטשלאַנד האָט אף דער אנ-דער שאָל רוהיגערהייט אנידערגעלייגט בעסאַך-האַקל איין פאר רוסישע טשוועקעס און די טשוועקעס האָבן אָריבערגעוואויגן. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען געוועזן טשווע-קעס פון קישינעווער פאָגראָם..

דער אויסגאַנג פון דער מילכאָמע איז דאָ באַשלאָסן געוואָרן..

מי האט גאך צוגעגעבן:

אַ באַס-קאָל איז דערנאָך אַראָפּ מין האשאָמאַאים:

פון עפר ואפר (ראשיי-טייוועס: ענגלאנד, פראנקרייַך, רוסלאנד; אנגליא, פראנציא, ראסיא)—זאל ווערן עפר-ואפר (אַש מיט רויך).

קיין גוטע פריינד איז מען דעם

כייטשעלע נאַר, דעם

טייטשעלע ענדיק

אויך ניט געווען, נאָר גאָט האט מען געבעטן פונדעסטוועגן פּ אַ ר אַ י ם. ס.פארשטייט זיך, אז דאס איז געוועזן

ניט מאַהבת מרדכי, נאָר משנאת המן

א גלייכווערטל איז דאמאלסט געגאנגען:

ווען כאָליערע וואָלט זיך אָפּגערעכנט פאַר אונזערע שפּי-כעס־ראָמ ם, וואָלטן מ׳ר אַפילע פאַר איר, פאַר כאָליע-רע, געלויבט דעם ריבוינע שעל אוילאָם.

דער דייטש האט נאך אויך אויסגענומען מיט זיין העלדישקייט און מיט זיינע איינפאלן.

אידן האבן ב י כ ל א ל ליב האַמצאעס, סייכלען, קונצן, א ז ר י אַ פּ י ל ע, ס ט אַ ם א י ן ד ע ר ו ו ע ל ט א ר יי ן, און פון דעם דייטש האט מען שוין פון די ערשטע טעג אן גענומען האלטן אנ׳אוילאָם אימלויאָ. דאָס איז שוין א יי ג מ אָ ל

אַ שטוקע ניעמיעצקע,

אפילע וו יי ב ע ר האבן פאר אים געהאַט דעם גרעסטן רעספעקט:

וואָס דאַרפסטו גאָר? ג ע נ ו ג איז ג ע ר מ אַ נ י ע שטאַרק, נאָר אַנטקעגן דעם ד יי ט ש קומט זי א ו י ך נ י ט...

אונזער צוגעגרייטקייט.

אף וויפל דער דייטש איז געווען צוגעגרייט צו דער מילכאמע און אָנגעוואָפנט פון ק א פ ב י ז ד י פ י ס, אַף אַזוי פיל האָבן מיר זיך געלאָזן א ז ו י ז י ך, אף ג א ט ס ב א ר א ט...

אונזער ניט צוגעגרייטקייט, אונזער ניט מענטשעשאַפט, אונזער

ק... מאך - קוראוש !

איז געווען אַ היפשער ציל-ברעט פאַר איזישן וויץ און שטעך-ווערטלעך.

צו מילכאָמעס האָט זיך רוסלאַנד ק אָ ל י אָ מ ע ה אָ ניט געגרייט, און שטענדיק געגאנגען

„אַבי-ווי",

און אויב איר פלעגט דאָס אַראָפגיין אנ,אנדערש מאָל ג ל אַ ט מיט אַזוינע, לעמאָשל, געגנער, ווי

דער פעטער אישמאָעל, זאָל געזונט זיין (רער טערק),

האָט זי זיך פאַר איר

коеׅкак

גוט אפגעבריט שוין אין דער מילכאָמע מיטן יאַ־פאנער.

אף די מאַקאקעס (אזא מין מאלפע; אזוי האָבן מיר מיט ביטל גערופן דאַמאָלסט די יאפאנער) זיינען מיר געגאַנגען האָפערדיג:

Шапками закидаем!..

מיר האָבן אָבער פאַרגעסן איין קליינקייט דערביי: אָט די היטלען כאָטש צו פאַרכאַפן מיט זיך...

פאַרלאָזן האָט זיך פאָניע, ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע פאַלן, אַפן פּאָסיק:

„ובכל אשר יאַ-פאָניע (יפנה) יצליח",

ער האָט אָבער פון זינען ארויסגעלאָזן, אַז דאָ קען מען דעם פאָסיק לייענען אויך:

„יאַפאָניע"

דערנאָך אַפילע האָבן מיר געפּרואווט די היטלען פאַרבייטן מיט קאַלאָשן (דעם באלטישן פלאָט),

נאָר, ס׳פארשטייט זיך, אַז עס איז שוין געווען ביט דאָס...

איבער וועמען האָבן מיר די מילכאָמע יענע פאַרשפּילט?

— איבער זעליאָנאָזון (א וויטעבסקער קירזנער):

ער האָט ניט צוגעשטעלט די געהעריקע צאָל היטלען...

צווישן אַנדערע האָבן זיך בא די יאַפּאַנער אין דער מילכאָמע אין יענער אויסגעצייכנט די גענעראַלן Того און Ито. „כּוורע״ האָט פון זייערע נעמען געשאַפן א שיינעם קאַלאַמבור:

איר ווייסט, פאַר וואָס די יאַפּאַנער מאַכן גוט?

— ווייל, —

У них и то (Ито) и того (Того),

А у нас ни того, ни сего...

און פארבליבן איז דערפאַר די מילכאָמע אונטערן נאָמען:

Война макаков с коекаками...

דער „אוראַק״, וואָס מיר האָבן געפּאַקט פון די מאַקאַקעס, וואָלט אַ נ„-אַנדערן צו עפּעס וואָס אויסגעלערנט. נאָר „כּראַפ״ איז אָבער ניט פון די, וואָס קענען זיך. פאַראויס פאַר-טראַכטן וועגן וואָס.

Пока гром не грянет,

Мужик не перекрестится.

וועגן אונזערע האַכאָנעס צו דער מילכאָמע מיטן דייטש איז געגאַנגען אַזא גלייכווערטל:

אַף וואָס האָט די גאַנצע צייט געקוקט הילהעלם און אַף וואָס ניקאָלאַי?

— דער ערשטער — אַף פּושקעס מיט צע-

פעליגעס, און דער צווייטער—אַף דעם, צי איז יאָסעלע
פון פאַסטאָוו אַ געמאַעלטער צי ניט...

קיין כידעש דערפאַר ניט, אויב אונזערע האַכאָנעס האָבן געבראַכט דערצו, אז

פון דעם ערשטן טאָג אָן זיינען מיר
געבליבן באַ תרש׳ן אַליין,—בגתן האָט זיך אָפּ-
געשטעלט באַ דעם דייטש...

(בגתן און תרש זיינען געווען צוויי הויפּלייט באַ דעם קיניג אַחשורשן; זייערע נעמען ווערן דערמאַנט אין דער מגילה.[1])

נויט איז אָבער א גוטער לערער—און

אַפן פראַנט האָט אונזער שטאַב צוגעטראַכט עטליכע
געניאַלע אויפאַנים—ווי צו מאַכן אַ רוי-
שעם... און געווער:

ערשטנס, שיסן פון פוסטע ביקסן און
צופּאַטש דערביי מיט די הענט, (זאָל דער כוינע מיינען, אז עס שיסט זיך).

---

1) דעם גלייכווערטל מיט בגתן ווי דש׳ן האָט געפּרואווט אַמאָל אַ מעלאַמעד אויסניצן אין אַ געשפּרעך מיט אַ פּאָניע. וועלנדיג אים מאַסביר זיין דעם סייכל, פּראָוואָס עפּעס מאַכט דער דייטש בעסער פאַר אונז:

Ён, братишка, бигсон,
(ער, ה. ד., ברודזיל, האָט די ביקסן)
А ты с...

צוויטנס, שיסן האַקאָפּעס (פון איין און דעם זעלבן ביקס — פריהער רעבע איוואן, דערנאָך רעבע סטעפּאַן און נאָכדעם רעבע גאַוורילע).

און דריטנס, שיסן... מיט פלעקער (אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים, פאַרוואָס זאָל דער זעלביקער קונץ ניט קענען אַרויסווייזן אויך אַ פלאָקן?).

קיין זאַך, דערציילט מען, האָט דער „ענדיק" (דער דייטש) אַף אַזוי פיל ניט באַליידיגט, ווי אָט די פלעקער. דער „שוויטע" האָט דאָס פּאָשוט אָנגענומען פאַר אַנ'אייספּאַטש פאַר זיך...

מי פלעגט איבערגעבן, אַז

דער דייטש האָט פון אַנ׳עראָפּלאַן געוואָרפן פּראָקלאַ-מאַציעס: „שלאָגט אונז, האַרגעט אונז, טוט איבער אונז וואָס איר ווילט, נאָר ניט באַליידיגט אונז אַזוי: מיר זיינען דאָך ניט קיין הינט, וואָס איר גייט אָף אינז מיט פּלעקער"...

מער ניט איין פּראָסט זיינען מיר געווען מער אַפּן פּונקט אידער זי:

נאָך פון דער יאַפּאָנישער מילכאָמע אָן — איז באַ אונז געווען דער גרעסטער אינטערעסאַנטער פלאַט (אָמן גרונט פון גרויסן אָקעאַן)...

מאו אַזאַ צוגעגרייטקייט, פאַרשטייט זיך, פלעגן מיר פּאַקן בענטש אַף יעדער שריט און טריט. אירן פלעגן לאַכן:

וואָס פאַר א גוטס קען שיין פון אים, פון דעם פּאָניע, ארויסקומען, אַז ווען ער איז בײַ אים אַ מייבל (אַ געריבן), און кақ—איז בײַ אים אַ וויאָרט; писарь—איז בײַ אים אַ שרייבער און.......... ; איסער איז בײַ אים דער שיסער, און קאָפּל (קאָליע, ביקאָלקע)—דער קייסער?

אונזערע אָנגריפן און מאפּאָלעס.

א צוויי-דריי מאָל האָבן מ י ר אָנגעגריפן...

דעם ערשטן מאָל אין מיזרעך-פּרוסיע ווען דער באַריממטער העלד

רעננען קאַמף (פאָן רענענקאַמף)

האָט זיך געשוואָרן, אַז ער וועט זיך לאָזן אפּהאַקן די רעכטע האַנט זיינע, אויב ער וועט אין א האַלב יאָר אַרום ניט זיין אין בערלין אַף וואַרמעס.

סכּילאַס איז אונז דאַרטן

געגאַנגען ווי ניט אַ אידן:

סטאָלופּענען, איידקונען, גומבינען א. א. וו. א. א. וו.

אידן האָבן זיך געוואונדערט פ ו ן א ײ ן ז ײ ט אף מאָגן־ען:

וואָס זאָגסטו אַף דער גוואַלדע פון יורקען?

פ ו ן ד ע ר אַ נ ד ע ר ז ײ ט אפן טייטש:

ס.טײטש?..

לאָמדים האָבן געוואָלט שוין געפּרוּווט אויסדריגגען פון דעם פּאַסוק: „ותּמת שׂרה״, אַז

יתּמה איז אָפּגעגאַנגען דער טויט-געשטאָרבן

ערשט באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז „ותּמת שׂרה״ איז דאָס גאָר דערווייל ערשט האַרטע געשטאָרבן,—דער טייטש טראַכט גאָר ניט פון אַזעלכע גאַרישקייטן.

יענער איז גאָר בעאַיס-מאַיסע אַף אַ ווײַלינסקע פּאַרנומען געוועזן מיט בעלגיען...

דערוואַרטן איז מען אַזוי ביז מעמוּל.

איינער אַ ייִד האָט גלייך פּוּיכער געוועזן, אַז

מעמוּל איז אַ ראַשע-צייוועס: מע מוז קויפן ..

גאָר כאַניע האָט זיך געמאַכט ניט ווייסנדיק...

פון די אַקאָפּ׳ס פּלעגן זיך אונזערע דורכוועקטלען

מיטן „אַשקענאַזי:״

בערלין—קוש אַהין!

— מאָסקווע—קיש אין ת.!

— ע, ברודער, ס׳קלינגט דאָך ניט?!

— ני, וועט זיין אָן אַ קלונג...

סאָלדאַטן האָבן זיך דערווייל אַ נעם געטאָן פאַר דייטשישע געגולעך וויפ ליקיאָן...

נאָר גראָד אין רעכטן מיטן סודע איז געקומען

רעבע וועלוול (ווילהעלם)

און האָט געהייסן גיין אַ צוריק...

מאַי טיימאָ (פּאַר וואָס עפּעס) האָט מען איצט „געגעבן

די פּור" פון דאָרטן?

— ווייל ווילהעלם האָט געפּאַסקנט:

„נעגעסן, געטרונקען, האָבן זי היר,

שייסן גייען זי נאָך רוסלאַנד"...

און אַז רעבע וועלוול זאָגט, איז אַנדערע ווערטער...—

איז מען געגאַנגען...

בעשאַאַס־אונזער אָפּטרעטן, דערציילט מען, זייגען

פון הינטן נאָכגעלאָפן דייטשעשע עסטאַפּעטן און האָבן

זיך געבעטן ראַכמים:

„לויפט ניט אַזוי! מיר קענען נאָך

אייך ניט נאָכהאַלטן"...

קאָרפּאַסטער אנגריף אונזערער האָט אויך טבילאָס פּאַרוואָנערט אידן:

ווי קומט דאָס צו פּאָניצן?

מי דערציילט:

ר' יוסף (פראַנץ־יאָסיף) איז אַ מעהוואָלוועלער דאַמאָלסט

אריינגעלאָפן צום טשערטקאָווער, זאָל מ'זיך יאָמים זיין:

רעבע, ניט גוט!

— רעהיינו?

— פּױלן, ענגלאַנד, רוסלאַנד און פראַנקרײך — אַלע אף מירן

— ע, א געלעכטער: ירך בעיף אויבײך (דוסט שלאגן דיין סוינע אין אקן); ב ע ר ף — האָסטו דיר אַ בעפייערשן ראָשע־טייוועס אַף זיי אַלעמען:

פּױלניע, ענגלאַנד, רוסלאַנד, פראַנקרײך.

— רעבע, אָבער רוסלאַנד איז דאָך שוין אף די סאַמע קאַרפּאַסן!

— ק ר פ ת — איז ווייטער אַ ראָש־טייוועס. קבורת רוסלאַנד פה תהיה (דאָ וועט רוסלאַנד סאַקע באַגראָבן ווערן.)

— רעבע, אָבער ביז מיאַנען וואָס נעמען זיי דאָך אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט!

— דאָס איז אויך גאָרנישט: אָפן כאָוער זאָגט דער פּאָסיק: כי מפריס פרסה הוא — ער קען מער נישט טרעטן מיט די קאָפּיטעס מיט זיינע; וגרה לא יגר — וואוינען וועט ער דאָ נים...

ס.פאַרשטייט זיך, איז אַ רעבע ז אָ ג ט, איז ג ע ז אָ ג ט געוואָרן. אונזער אָנגריף האָט זיך דא ארויסגעוויזן פאַר ביט ווייניגער גילעגענער, אייזעד ד ער ערשטער — אין מיזראָך פּרוסיע.

ער האָט דערמאָנט די הײסע:

„געכאַפּט אַ קאַזיק"

אָדער —

Дядя, я медведя поймал.

אין די צייטונגען איז דאמאָלט געווען א יעדיע וועגן אינזערע גוואורעס:

נאָך אַ ריי פּאַ־אַקשנסטע שלאַכטן האָבן מיר סאָף קאָל סאָף איינגענומען גאַנץ גאַליציע. איצטער זיינען מיר שוין אַפּן פּוס; מיר בעטן באַ אינז בעסאַך האַקל איין וואַרשע פאַרן אויסלאָזן אינז אַף אַ צוריק פון דאַנען.

וואַרשע האָבן מיר צוריקגעגעבן, שוין מיט פּוילן פּאַר־איינס צוזאַמען, און אויסטרייך האָט דערפאַר טאַקע פון גאַליציען אונז ארויסגעלאָזן.

„כעווירע" האָט אונזער ניקאָלאיען דאַמאָלט דורכגעזונגען די באַקאַנטע קינדער־לידעלע:

פּישערבור! (פּיטערבורג)
דינג אַ פור,
פאָר אין פוילן
הינער קוילן,
וואָס די הינער וועלן אָנשייסן
דאָס דיר אַף „אָיבייס:".

וואָרוואָס זיינען באַ אינז געזאָגן אַזוי פיל קאָרבאָנעס באַם אָפּטרעטן?

— ווייל גענעראַל ברוסילאָוו האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ לאָשן-קוידעש ווערטל: ער האָט טפילע געטאָן צו גאָט, אז ער זאָל אים בעשאָלעם אומקערן אַף אַצוריק. נאָר אַנשטאָט „השיבנו נאַזאַד״, האָט ער, דער פייער, געטייגעט די גאַ צע צייט „השכיבנו נאַזאַר״, גו האט אים גאָט אוועקגעלייגט...

יענעם זומער איז געווען א גרויסע געראַטעניש אין אונגאַרן. צווישן דעם אוילאָם האט מען זיך געוויצלט:

איר ווייסט, פאַר וואָס איז היי-יאָר אַזאַ געראַטעניש אין אונגארן?

— ווייל פאָניע האָט זיך דאָרטן בא...

ווייזט אָבער אויס, אז דאט איז געווען ביז די איינציגע ביבע, ווייל בא... האָט זיך פאָניע ניט גאר דאָרטן אַליין.

אין רומעניען, לעמאָשל, בעשאַאַס די דייטשן האָבן געמאַכט זייער אָנגריף אף דער טייך פרוט, און אונזערער—אף דער טייכל סערעט, האבן אונזערע בארימט זיך, אז מיר האָבן פאַרן דייטשקיין מוירע ניט, וואָרום

Когда немцы напрут (на Прут),
наш нас... (на С...)

אַף גאַליציען זײַנען מיר געגאַנגען אַ צ װ ײ ט ן מ אָ ל, און צום אָנהויב ק ל ײ מ ע ר ש ט װ ײ ט ע ר ג ו ט.

אז מיר האָבן פאַרנומען לװאָװ, איז רעבע־יוסעף
נ אָ ך אַ מ אָ ל געלאָפן צום רעבן:

רעבע, פאָניע איז ש ו ן װ ײ ט ע ר דאָ! ער איז
שוין אַרײַן אין לװאָװ"!

— זײַ רוהיג, האָט אים יענער געענטפערט: עם תּועי
לבב הם (זײַ בלאָנדזשען, קריכנדיק אין לװאָװ) והמה (והם) לא
ידעו דרכי (אַ צוריק װעלן זײ די טיר ניט טרעפן)

און ק אַ ך ה אַ װ ע:

װאָס איז דער סײכל, װאָס אָ פּ ט ר ע ט ן פּ ל ע ג ן
מ י ר נ אָ ר, און ניט דער דײַטש?

— װײַל „אָ פּ ט ר ע ט ן" איז נ אָ ר בײַ אַ
א ו נ ז, בײַ דעם דײַטש זײַנען—„ק ל אָ ז ע ט ן"...

געהאַלטן האָט זיך פאָניע נישקאָשעדיק ביז צום אסאָװיעץ, און די פּינסקער בלאָטעס. געגאַנגען דאַמאָלסט אַ גלײַכװערטל:

פאַרװאָס קען ד אָ ר ט ן דער דײַטש מיט אונז
ג אָ ר נ י ש ט נ י ט מאַכן?

— װאָס פאַרשטײסטו דאָ ניט? געדענקסט אונזערע
אײַסאַקים קינדװײַז מיט כאַזירים! ש ל אָ ג ן פּלעגן

מיר זיי שלאָגן נאָך אַף דער יאַבאָשע, פלעגן זיי
אָבער אַרײַנקריכן אין אַ בלאָטע —
דאָרטן זײַנען זיי שוין געווען אַפן פוס...

נאר געהאַלטן האָט ער זיך דארטן קאָל-זמאַן עס זײַנען געווען די בלאָטעס. דײַטש, אַ סוואָרע, האָט אָבער געוויסן גראָבן קאַנאַווען, אַראָפּלאָזן די וואַסער און האָט זיך דערנאָך אַנעם געטאָן טרײַבן פון דאָרטן אויך.

אין איין קלײַנער צײַט האָבן געגומען פאַלן איין פעסטונג נאָך דער אַנדערער: אָסאָוויעץ, נאָוואָגעאָרגיעווסק, פראַגאַ, ברעסט-ליטאָווסק...

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ מאַגײַפע אַף פעסטונגען,

איז דאַמאָלסט אַרויס אַ ווערטל.

אידישע פּאָליטיקער האָבן אין יענער צײַט געלייגט גרויסע האָפענונגען אַף שאָלעם:

נאָך אַזאַ אַ פּסטאָם-מיסכער—וועלן מיר זיך
באַלד אַראָפּלײַזן און—אַראָפּ פון מאַרק...

אין די הויכע ספערן איז געוואָרן אַ נערוודער: מי האָט גענומען אומלויפן צו ראַביאַם, צו סאָטערן...

אלעקסאַנדרא פיאָדאָראָוונא אליין, ביכווידאָ אוואַצמאָ
איז צוגעפאָרן פריהער צום ליובאַוויטשער:
רעבע וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? מײַנע האָט אזוי
פיל צאַר און אַזמאַס נעפעש פון דעם אײַסיק, אַז איך

האָב מוירע, ער זאָל דאָס ניט אויסהאַלטן. די קאָפּ איז בא איס אַ שוואַכע, נאָך פון דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט גע-קראָגן אין יאַפּאָניע, (אין יאַפּאָניע האָט אונזערער אַמאָל, נאָך זייענ-דיק באַסליעדניק, געלייזט פון אַ יאַפּאָניער מיט אַ סאבליע איבערן קאָפּ)— און איך בין אין איינע פּאַכאד פאַר איס.

— ני, וואָס קען איך איס העלפן? האָט געענטפערט דער רעבע, איינ צאַר מער ניט קען איך פון איס אַראָפּנעמען —

Царь Польский... (1

פון ליובאַוויטש איז זי פאַרפאָרן קיין ליאַדי

1) אַף אליעקסאַנדראַ פיאָדאָראָווגאַ האט אָבער דער אוילאָם אונטערגעמורמלט אַז זי איז ניט גאָר אופריכטיג אין דעם גאַנצן אייסיק: אַליין א דייטשקע, איז איר פון די דייטשעשע ביצבוינעס אי „ויחד אי ויצר״ (אי באנג טוען זיי איר אין חאַנאָע פאַרשאפן זיי). מי האָט זי אַפילע גערעכנט פארמישט אין דעם גרויסן פאַראַט פון גענעראַל מיאַסאיעדאוו, מיניסטער סוכאָמלינאָוו און די איבעריגע.

ביטער, פלעגט מען זאָגן, איז די לאַגע פון יעם קליינינקן אלעקסיי.

„שטענדיק ווינט מען באַ אונז: דאָס ווינט יער סאַטע (איבּ רוסלאַנד כאַפּט א מאַ-פּאָלע), דאָס די מאַמע (אייב דער דייטש מאַכט ניט גוט).

רעבע, מיר האַלטן ניט גוט: דער דייטש נעמט איין
א שטאָט נאָך אַ שטאָט...

— האָב געדולד, האָט איר געענטפערט דער רעבע,
אָן אַ צייט איז קיין צייט ניט: באַלד וועט דיינער אים·
אירטשים אויך איינגעמען (א מיסע-מעשונע פאַרשטייט זיך)
אידן, ראַכמאָנים-בניי-ראכמאָנים, האָבן שוין גענומען זיך פאַרטראַכטן וועגן
דעם גוירל פון דעם שלים-מאַזל,

פון רעבע נאָכימען (ניקאָלאַיען)
וואָס.ט מיט אים זיין? מ׳ רייסט דאָך פון אים אַ פּאַס
נאָך אַפּאַס! מי וועט דאָך פון אים אף אַזאַנ׳ אויפן באַלד
אויססקובען ביזן אַ האָר..

מיינונגען און אייצעס זיינען געווען פאַרשידענע...

— וואָס פון אים זיין? דייגע פאַר אם ניט: רעבן,
אַז מי זאָל שוין אפילע באַ אים אָפּרייסן אַלץ מיט
אנאַנדער: אי — Самодержец Всероссийский אי
Великий Князь Финлянд אי Царь Польский
—וועט ער זיין שטעטל אַלץ טאַקע באַשטיין—אף לעס-
ברירע וועט ער בלייבן אַנ׳אַמטשיס-
לעווער (צווישן דעם קייסערס טיטולען איז אויך געווען דער
טיטול: Князь Мстиславский).

אנדערע פלעגן געפינען, אז

זיין לאַגע איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, ווי מען שטעלט זיך זי פאָר: ער וועט ווי עס איז אַ ל ע מ אָ ל ג אַ נ ץ ז יי ן. ער זאָל אַפילע מ א כ ן אַ ק נ ע ל ו נ ג אין א קליין-שטעטל, וועט ער א ו י ך זיין הייצאָ דורכפירן.

פּראַקטישע באַלעבאַטים פלעגן זאָגן, אַז

ער טוט אַ נאַרישקייט, וואָס ער גיט ניט אויס, עט די טעכטער זיינע. איצטער וואָלט ער בלי-ספק געקענט טאָן אַ בעסערן שידעך איידער שפּעטער. וואָרום ווער ווייס, צו וועט ער דערנאָך קענען געבן נאַדאַן צו ניט... אַגאַוו מיט מיידלעך טאָר מען גלאַט ניט ספּעקולירן.

„קאַלטע לונג-און-לעבערס" פלעגן א מאַך טאָן מיטן האַנט:

קאָפּ אָן וואַנט! וואָס איז אונזער דייגע? אים איז ניט גוט?—מ ע ר ק יי ן „צ א ר" ז אָ ל ן מ י ר נ י ט ה אָ ב ן...

געוועזן אַזוינע, וואָס האָבן נאָך געהאַט „האַרץ" צו שיטן איבּ זאַלץ אף די וואונדן:

מיר האָבן דיר געזאָגט: האָב ג אָ ט אין האַרצן! ניט קריך אַנטקעגן ג אָ ט! אָ ט א י ז ד י ר! (גאָט איז א ראָש-טייווס: גערמאַניע, אויסטרייך, טערקיי).

און „באַלע-גימאַטראָיעס" האָבן באַרעכנט, אַז

פאַר די „ראָמאנאָווס” איז שוין געלאַט געגניג צו זיצן אף דער „קיסע-מעלוכע” דאָ אין לאַנד: מער אז 305 יאָר וועלן זיי זיך אין גוטן מוט ניט אנהאַלטן, פונקט וויפל „ראָמאַנאָוו” טרעפט אָן. באַלד, הייסט דאס, ענדיקט זיך זייער טערמין. 1)

1) נאָך דער אידישער גומעראַציע טרעפט אָן:

ר	— —	200
א	— —	1
מ	— —	40
אַ	— —	1
נ	— —	50
אָ	— —	1
ו	— —	6
ו	— —	6

אלזאָ, ראָמאַנאָוו — 305.

אָנגעהויבן האָט זיך די דינאַסטיע אין 1613-טן יאר הייסט דאָס, אַז אין 1918 דאַרף זיין איר טאָף.

(אינטפרעטאַנט,—אין איין יאָר בעטאַך-האַקל האָט דער אוילאָם ניט געטראָפן: „כעוורע” האָט אַביטל „דוזוק אוג הקץ” געווען...)

„אונזערער“ און ווילהעלם.

האַלטן האָט מען פון „אונזערן“ געהאַלטן אַ ציבעלע...
מי דערציילט:

אין אַ „מעסיבע“ האָט זיך אַ איד אַמאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז ניקאָלאַי איז אַ גרויסער שוטע. ווענט האָבן אויערן,—און דעם אידן האָט מען „בעכאַוולייע וואַרזעל“ „אריינגעפּאָקעט“ װאוהין מען דאַרף.

וויפל דער איד האָט דערנאָך ניט צוטיינעט, אַז גיט „אונזערן“ האָט ער דאָס געמיינט, אז דאָס האָט זיך גאָר גערעדט וועגן ניקאָלאַי פון טשער־נאָגאָריע.—קיין זאַך האָט אים ניט געהאָלפן:

„Ты, брат, зубов нам не заговаривай:
коли дурак, то — Наш“...

נאָך אין דער יאַפּאָנישער מילכאָמע, זאָגט מען, איז „ער“ צוגעפאָרן בענטשן זיך צו אַ „זאָקן“ (הייליקן) פון טראָאיצער לאַווראַ:

פּאָטער הייליקער, אַף וועמענס צאַד, נאָך דיין מיינונג, וועט זיין דער גיצאָכן?

— אין ווייסטו כאָטש, קינד מיינער, אַז זיי האָבן גוטע גענעראַלן?

— איך ווייס פּאָטער, אָבער באַ אונז, דאַכט זיך, איז דאָך אויך ניט קיין שלעכטער אוילאָם.

— נו, אַדעראַבע, מיר וועלן זעהען...

רוף מיר אַקאָישט אָן וועמען עס איז פון זייערע קאָמאַנדירן.

דער קייסער האָט אָנגעהויבן רעכענען אַף די פינגער: אָקי, נאָגי, טאָגאָ, קאַמימוראַ, איטאָ, אָיאַמאַ...

— גענוג, גענוג! איצטער זאָג מיר:

А у тебя О к и (אויגן) есть?

— Как же? Есть!

— А Н о г и (פיס)?

— И ноги есть.

— Ну, а Т о г о? (דערביי האָט ער אים באוויזן מיטן פינגער אפן שטערן)

דער קייסער איז געבליבן אין אַ פאַרלעגענהייט:

— Этого, этого... нет...

Ну, сам понимаешь...

ווי איינער זאָגט: פאַרשטייי, הייסט דאָס, אַליין...*)

*) די אלע גלענצנדע יאַפּאנישע קאָמאַנדירן האָבן מיר געקענט דאַמאָלסט אַנטקעגן שטעלן דעם איינציגן

„Хазан, такан и каран“

אונזערן (דעם כאַזן, באַל-טקיע און באַל-קריע, הייסט דאָס) דעם גענעראל קוראָפּאטקין, (אזוי האָבן אים דאַמאָלסט אידן גערופן)

פון דעם גענעראַל קוראָפּאַטקין האָבן אידן געלאַכט:

א פויער—און נעמט זיך אָן פאר אידישע מעלאָכעס!

פריהער האָט ער זיך פאר טקיעס גענומען

ער האט געמיינט, אַז דאָס איז פּאָשוט—ערשט טאָקיאָ (די הויפּט שטאָט פון יאַפּאַניע) זעהט ער, נעמט זיך ניט אַזוי גרינג; איז ער געוועסט אַ באַל-קריע געוואָרן—אָבער קאָרייע, האָט ער דערזעהען, איז אויך ניט נאָך זיינע קויכעס; נעמט ער לעסאָף און איז אף כאַזאָנעס אריבער,—נאָר באַ דער ערשטער „יעלה“ (די טייך Япу אין קאָרייע) האָט מען אים געבעטן מעכילע פון אָמעד אַראָפּ...

און נאָך גיט מען איבער:

אַנ׳אויסלענדער האָט אַמאָל ארומגעקוקט די מערק-ווירדיקייטן פון מאָסקיוער קרעמעל און האָט ארויסגעטראָגן אָט וואָס פאר א מיינונג:

Царь-Колокол—не звонит,

Царь-Пушка—не стреляет,

אַלץ, אפאָנים, וואָס עס טראָגט אף זיך אין רוסלאַנד דעם נאָמען „Царь“, טויג אף גאָר-ניש ט.

קיין גרויסע פּאָנים איז מען „אים“, דעם קייסער, ניט געוועזן:

וואָס קען מען פון אים וועלן, אַז די קעפּעלע איז באַ אים ווי אַ קאָנאָפּליע?...

אידן פלעגן זאָגן:

צו אים אליין האָבן מיר גאָרנישט נאָר—יהיו בניו יתומים ואשתו אלמנה דאָס פאַרגינען מיר אים פונם פולן האַרצן...

די ערשטע צייטן פון דער מילכאָמע איז ער געשטאַנען ווי אָן אַ ז יי ס,—געקאָמאַנדעוועט האָט דער „פעטער“. אז עס איז געקומען שלעכט, האט ער באשלאָסן אליין צו נעמען זיך פאַרן „אייסיק“...

אידן האבן געטיינעט:

וו י ל ס ט ו ב יי ט ן — נעם בעסער מוישע-איציען

דעם מעלאַמעד:

ד יי ט ש — ל אָ ז א י ם! *)

גאָר דער קייסער האָט דעם פעטער פארביטן אַ ף ז י ך אַ ל יי ן...

האָט מען פון דעם בייס געלאַכט:

אָט דאָס מיינס טאַקע דער הייליגער פייריק מיטן—

„ו ה ל ו פ י ה ם ב ג ו ל ם"... (אויסגעביטן אַף אַנ׳אידיאָט)

---

*) מוישע-איצע דער מעלאמעד האָט זיך געהאַלטן פארן גרעסטן קענער פון דייטש (פון דער דייטשעשער שפראַך), און וואו נאר זי האָט זיך געפּאָדערט פלעגט ער זיך אַרויסרוקן:

דייטש—לאָז מ ך!

וועגן איב גייען גאַנצע לעגענדעס...

אַמאָל האָט ער, לעמאָשל, גייענדיק איבערן מאַרק, באַמערקט ווי אַ אַיד דינגט באַ א דייטשל א בעהיימע און קען זיך מיט אים בעשום אופן ניט „צוזויפקאלאַ-סירען". .

מוישע-איצע האָט ניט אויסגעהאַלטן:

דייטש—לאָזט מיך!

„וויפל, פּאַניע, ווילט איר, לעמאָשל, זאָל מען אייך מעשאַלעם זיין פאַר אייער פּאָרע?"

און ריישיס-כאָכמאָ— האַט מען „איבי" פאָרנעלייגט, מעכילע, ארויסצונעמען דעם „לאַמעד" פון זיין טיטעל:

מעגסט זיין א „גלאוואָנאָקאָמאַנדוייושצי"

אָן איב, אָן דעם לאַמעד, הייסט דאָס,—מיווערט

דיך דערקענען... *)

און נאָך אַמאָל האָט ער זיך אָנגענומען צו זיין אַ טאָלמאַטש (א „המליץ") צווישן פריסטאַוו און אַ דייטשל אַ פערד-גאַנעוו.

זעהענדיק אַז דער פריסטאַוו קען זיך מיט יענעם אף רוסיש ניט צוניפריידן, האָט ער זיך ארייגעמישט:

פאַניע פריסטאַוו, דייטש—לאָזט מיך!

„באָכער, מען ליימערט אף דיר אונטער, אַז דאָס האָסטו דאָס צוגעלאקכנט דעם סוס!" זאָג דעם עמעס! ס׳איז דיין מעלאָכע?

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער דייטש האָט אַ וואָרט ניט פאַרשטאַנען.

Ваше благородие, Ен, видно. не немец,

Ен и по немецкому не понимаеть...

*) מען מוז צוגעבן, אַז עס זיינען געוועזן כאַכאָמים, וועלכע האָבן געפונען.

איבערנעמענדיק די אָנפירונג, האָט אונזערער אָנגעהויבן פון דעם, וואָס ער איז ארומגעפאָרן אלע וויכטיקע שטעט פון פראַנט-פּאַס.

דער אוילאם האָט זיך דאמאָלסט „געטרייבט מיט כאַלאָשעס״:

אַף וויבל מיר שטייען הענכער אַפּילע פון דער געבילדעטער איינגלאַנד!

באַ זיי איז איין שטאָט אַקספּאָרט, און אַקספּאָרט באַ אינז איבער אַזוי פיל שטעט...

מאַרן אַריבערפאָרן אין „בטאַיוקע״, אפן וועג צו מאָהיליעוו, איז ער אָנגעקומען, דערציילט מען, אַף יעבידעס צום קאָפּיסטיער זאָל מיירין יאָמים זיין:

רעבע, בענטש מיך!

— זייער גוט, מיין זון. אָבער זאָג מיר פיהער, ווי האָלט באַ דיר אין דער מעליכע מיט אכיינו-בניי איס־אָאייל? ווי לעבט זיך זיי?

אַז דער בייס איז גאָר בישט אַזוי נאַריש, אַז אין אים אַדערראַבע שטעקט אַ שטיק „געאוויגישקייט״:

דאָס כוט מען צוליב דעם, אַז דער דייטש זאָל פּלאַטצן... (פון געלעכטער)

• נאָר אַזוינע זיינען געוועזן ווייניג.

— איך רעכן אַז גוט מיסטאָמע! וואָס קען זיי פעלן?

— ווייסט גוט? נאטו א קוק אין דיינע „סייאָד-זאַקאָנעס״, וויפל גזירעס דאָרטן זיינען אַף זיי!...

— איך וועל אייך זאָגן דעם עמעס, רעבע, פרעגט מיך בעסער אַ גרינגערע זאַך: די לאַנד איז גרויס, מענטשן לאָרויוו, און די קעפעלע מיינע איז אַ קלייניגקע — כאַפּט זי ניט אַרום אַלץ...

— נו, איך זע טאַקע, אַז דו ביסט ניט שולדיק—דערפאַר וועט גאָט געבן,—די לאַנד וועט קלענער ווערן, מענטשן ווייניגער, וועט דיר ווערן אַפולע גרינגער... *)

*) וואַריאַציע:—איך זע טאַקע אַז דו ביסט ניט שולדיק. נו, גאט זאָל געבן—די לאַנד זאָל באַ דיר ווערן אזוי ווי די קאָפּ (קליין), און די קאָפּ אזוי ווי די לאַנד (געשוואָלן).

ווי האָבן רעאַגירט די דייטשן אַף אונזערנס איבערנעמען די אָנפירונג?

פון דעם דײַטשן פראַנט איז אָנגעקומען א ראַדיאָ־אָנפראַגע:

וואָס זײַנען מיר „וואַראַנעס", וואָס איר שטעלט אַרויס אנטקעגן אונז א „פּוזאַלע"? (אַ „פוזאַלע" שטעלט מען אַף א גאָרטן אַלס מיטל געגן פייגלעך).

רעזולטאַטן האבן זיך פונדעססוועגן פאָרט אַרויסגעוויזן און טייקעף טאַקע נאָך זיין איבערנעמען דעם פראָנט: עס איז גלייך געוואָרן באוואוסט, אז

גענעראַל הינדענבורג איז שטארק קראַנק, און אים פאָדערט זיך אנ׳ערנס׳ע אָפעראַציע אין פוס,—עס ווײַזט זיך אַרויס אז ער האט אונזער ניקאָלאַיען אין פיאַטע...

נאָכ׳ס האָבן דאַמאָלסט ז׳ידן געקליבן אָט פון וואָס. די סטאַװקע האָט זיך געפונען אין דעם. אידישן מאָהילעוו. די „טשערטאַ־אָסעדלאָסטי", איז צו יענער צייט, אונטערן דראנג פון לעבן, דורכגעריסן געוואָרן דורך די כוואַליעס היימלאָזע, און אידן האָבן אָנגעשפאַרט אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, אַזש אין פעטערבורג און אין מאָסקווע...

מי פלעגט איבערגעבן דאַמאָלסט, ווי

איינער א איד האָט זיך גאָר ניט געקענט אָנוואונדערן אַף די ניסים ווענדלאָעס פון דעם דיבוינע־שעל־אוילאָם, ברוך הוא וברוך שמו:

וואָס גאָט קען מאַכן!

איך האָב געהאַט אפּאָר גוטע באַקאַנטע,—2 קליינשטעטלדיקע אידן - באַטלאָנים, וועלכע ס'זיינען קיין מאָל אַף זייער לעבן „מיפּעסאַך=בייסאָם" ניט אַרויס, און האָבן ניט געוואוסט מאַמזש, וואו אַ טיר עפנט זיך אָפּ... מעלאַמדים! עמעסע מעלאַמדים!... ערשט איך דערוויס זיך אַנומעלט, אַז—איינער פון זיי איז זיך איצטער אין פּעטערבורג, וואו ער שפּילט דאָס די פיינע ראָליע; דער אַנדערער וויינט זיך אין מאָסקווע, און לעבט דאָרטן אויך—האַלעוואַי אַף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן, און...—„ער אַליין" וואַלגערט זיך, נעבעך, אין מאָ־היליע...

אף וויפל מי האָט ניט געהאַלטן פון „אונזערן" אף אַזוי פּיל, פּאַרקערט, האָט מען געהאַלטן פון „יענעם":

. איין „גון" פעלט מער ניט אוסעס אונזערן צו ויילהעלמען:

נאָך איין גון בעסאַך האַקל וואָלט ער, אונ־

וועלער הייסט דאָס, שוין געווען יער „פּאָלנער" קנאַקער...

רעבע וועלוול אייבער איז שאָקל קענעגער (באַטרעפט וויפל) אַלע גענעראַלן זיינע

ווילהעלם איז אַ ראָשע-טייוועס:

וואָיערש, יאָסיף, לעאָפּאָלד, הינדענבורג, ערמאָלי, ליטצינגען און מאַקענזען...

באָר גאָרנישט, אַ גמילות-חסדעד קריגן, אַ האַלביו אָעלע מאכן—פּלעגט אונזערן אָנקומען אַ פּולע גרינגער איידער ווילהעלמען, ניט געקוקט אף אַלע מיילעס פון דעם לעצטן...

פאַר וואָס עפּעס האָט מען אונזערן, לעמאָשל, יע געליען געלט אין אַמעריקע און ווילהעלמען ניט?

— ווייַל אונזערער איז א באָטואַך, און ווילהעלם איז פון די שלעכטע צאָלער:

אונזערער, אַז ער נעמט וואָס ניט איז, ווייס ער, אז מי דאַרף דאָס אָפּגעבן דערנאָך אַ צוריק, און ווילהעלם אַז ער נעמט וואָס—איז דאָס פאַרפאַלן ווי אין וואַסער...

לעמאָשל, וואַרשע, ריגע, דווינסק, בעלגיע...

דער אוילאָם פלעגט לאַכן:

וואָס איז די נאַפּקע־מינע פון אונזערן ביז וויל-
העלמען?

— יענער איז—אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר, —
לויפט אום מיט אנ׳ארויסגעשטעקטן צונג פון איין
פראָנט צו דעם אַנדערן (פון פראַנקרייך צו
אונז, פון אונז צו פראַנקרייך)...

אונזערער אָבער איז זיך א איד-אַ באַלאַבאָס:
וואָס דאַרף ער זיך וואַרפן צו די פראָנטן? ער זיצט זיך
בעסער אַף איין אָרט, —און די פראָנטן וואָקן זיך
צו אים...

די פארבינדעטע אונזערע (די כאָיווניקעס) האָבן רעבע וועלוולען פיינט געהאַט טאַכליס־סינע און שוין באַצייסנס געגרייט פאַר אים אַ מישפּעט.

מעכולעק איז מען נאָר געווען אין דעם פּסאַק־דין פאַר אים.

מי דערציילט:

דער אויקאָם איז זיך אַמאָל געזעסן און געקלערט
וואָס פאַר אַ שטראָף טראַכט מען צו פאַר ווילהעלמען?

אַנ׳איינגלענדער האָט פאָרגעלייגט היבן אים אַרוף
און אַראָפּ פון אַ מאַסטבוים...

אַ איטאַליענער—שטאָפּן אים פון אין דער פרי ביז
אַף דער נאַכט מיט „פּאַסטנע“ מאַקאַראָנעס...

אַ קאָזאַק — ארייַנצימבלען אים קוידעבאָאי אַ מאָל

הונדערט מיט אַ נאַגייקע...

ווער עס האָט פאָרגעלייגט הייננען, ווער קעפּן, ווער צושניידן אַף שטיקער, ווער צורייסן אַף פערדישע עקן...

געזעסן צ׳ווישן אוילאָם אויכ׳עט א איִדל:

„איך, זאָגט דער איִדל, וואָלט אים אָפּגעבן מ׳ין פּאַס״..

רעבּע וועלוול האָט אבער געלאכט פון זיי, פ ו ן אַ ל ע מ ע ן...

ווילהעלם האָט אַמאָל, דערציילט מע, אָנגעטראָפן דייטשעשע אידן זאָגנדיק טילים פאַר זיין ניצאָכן איבער ניקאָלאַ׳ען.

„דאָס איז ניט קיין פלאַן״, האָט ער זיי באַמערקט: א י ר וועט ד אָ בעטן גאָט פ אַ ר מ י ר, און אין ר ו ס ל אַ נ ד וועלן די אידן בעטן פ אַ ר נ י ק אָ ל אַ י ע ן—, זיינען ז יי דאָך מ ע ר ע ר, קענען ז יי ג י כ ע ר פּויעלן... איר טוט בעסער בעטן גאָט אייערן—ער זאָל זיך ג אָ ר נ י ט מ י ש ן אין דעם אייסיק, וועל איך שוין מיט ניקאָלאַיען ווי עס איז אליין אייגקערן זיך...

מ י ר און ז יי

ט׳פאַרשטייט זיך, אז וועלוול אליין וואָלט גאָרנישט ניט געמאַכט, ווען ניט אַלע פרידריכס זיינע און יאָהאַנעס.

עמעס, אַנ ׳אוילאָם אַ נאַרישער, נאָר דערפאַר אַ פינקטליכער.

2 אָפיצערן, אַ רוס׳שער און א דייטש, האָבן זיך גע־אַמפּערט אַמאָל, וועגן די מיילעס פון די סאָלדאַטן פון זייערע.

„אָט קיק, זאָגט דער דייטש, איך וועל שיקן מיין פריי־ריכן נאָך פּאַפּיראָסן וועסטו זעהען, ווי פ ל ב אַ אי ם וו ע ט ד אָ ס ג ע ד ו י ע ר ן״...

— פרידריך, נאָך סיגאַרעטן! (פּאַפּיראָסן)

— זאָ גלייך!

פרידריך איז זיך אַוועקגעגאנגען—און דער אָפיצער האָט גענומען דעם זייגערל אין האַנט:

אָט איצטער איז פרידריך ש ו י ן א י ן ג אַ ס... איצטער איז ער ש ו י ן א י ן ק ר ע מ ל... איצטער צ אָ ל ט ע ר ד י ג ע ל ט... איצטער ג יי ט ע ר אַ צ ו ר י ק. . איצטער דאַרף ער ש ו י ן ז יי ן א י ן

שטוב... און טאַקע אף די ווערטער אין פרידריך אנגעגאַנגען מיט די פּאַפּיראָסן...

„אָט דאָס גאָר?" האָט אַ זאָג געטאָן דער אָפיצער דער רוסישער „דאָס וועט מיין איוואַן אויך באַוויזן"...

Иван, за папиросами!

— Сейчас, Ваше—ство.!

איוואַן איז אַוועק—און דער אָפיצער דער רוסישער האָט אויך אַרויסגענומען דעם זייגערל זיינעם און האָט אויך גענומען מעשאַער זיין נאָך דער צייט, וואו קען איצטער זיין איוואַן...

איצטער דאַרף ער שוין זיין אין ק־עמל... איצטער גייט ער א צוריק.. איצטער דאַרף ער שוין זיין לעבן טויער... איצטער אין שטוב..

Иван, ты здесь?

— Так точно, Ваше—ство.!

„נו, זעהסט", זאָגט דער רוסישער, „אָט האָט דיר מיין איוואַן אויך באַוויזן דעם זעלביקן קונץ"...

אף אַזאַ מאַפּאָלע האָט זיך דער דייטש ניט געריכט...

יאָ, זאָגט ער פאַרשפּילט, זײ׳קאָרשט דערפאַר מעבאַ-

בער מיך מיט אַ פּאַפּיראָס פון זײַנע...

Ну, Иван,

האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן דער אָפיצער דער רוסישער

положи-ка папиросы на стол!

— Так я еще не ходил,—

Я шапку ищу Ваше--ство...

אידן פלעגן פונדעסטוועגן נים דורכלאָזן קיין געלעגנהייט ווען ניט ווען אַ לעצעווע טאָן פון אָט די פרידריכס די פינקטליכע, אײב עס פלעגט זיך נאר לאָזן.

אפלאַבן פלעגט מען פון זייער זיכערקייט אין אײנגעגלײבקײט אין די אייגענע קויכעס...

פונקס, ווי מען זאָגט אריין פאָניען, לעמאָשל,

כסף וזהב טעביע זאַ פּאַוּכּוּ!

און ער ענטפערט:

טעביע!

מײנענדיק, אַז דאָס איז אַקלאלע, פלעגט מען אויסניצן א לאָשן-קוידעש ווערטל אויך אַף אַ טרייב טאָן קאַטאָוועס אַביסל פון דעם „ענדיק“:

אָט איר נעמט, דאַכט זיך אײַן, אַ שטאָט נאָך אַ

שטאָט פּאַרוואָס זשע זאָלט איר שױן ניט אײנעמען אויך אַ

מיסע-מעשונע?

— דאָס ווערדן וויר אַאוך נעמען!

פלעגט האָפּערדיק ענטפערן דער דייטש...

און אידן פלעגן זיך קייקלען דערבײַ פון געלעכטער:

אויסגעגנאַרט דעם אַסעסאָר!

טעכניק און איר ראָליע אין דער מילכאמע.

אין קיין איין מילכאָמע האָט די טעכניק ניט געשפּילט אזאַ גוואַלדיקע ראָליע ווי אין דער.

די טעכניק די דייטשעשע האָט געשעמט אַף דער וועלט.

זייערע אַעראָפּלאַנעס, צעפּעלינעס, שטיקנדע גאַזן, גראַנאַטן און סובמאַרינס פלעגן אָנטאָן די גרעסטע צאָרעס.

די דייטשעשע

„ט ש ע מ אָ ד אַ נ ע ס״

פלעגן אָנוואַרפן אנ׳אימע.

זייערן אַנ־עראָפּלאַן פלעגט מען קענען אונטערשיידן פון אַ רוסישן אפילע פאַר 10־דליקער מייל.

אַז עס פליט אַנ־עראָפּלאַן ג אָ ר הויך, ווי דערקענט מען ד אַ מ אָ ל ס ט וועמעס ער איז: אונזערער, צי זייערער?

— נאַרעלע, פ ל י ט ע ר נ אָ ר — איז ער זייערער, פאַרשטייט זיך...

אידן האָבן פון זייער טעכניק געהאלטן אַנ׳אוילאָב אימלויאָ.

מי דערציילט:

בעשאַאַס די דייטשן האָבן פאַרגומען קאַליש, האָט אַ דייטשעשער סאָלדאַט מעאַנעס געוועון א אידישע מיידל. דער פאָטער איז געלאָפן צום רעבן:

רעבע, אנ׳אומגליק! וואָס טוט מען? אַ מיידל... אַ שעם־ראַ...

-- וואָס זאָל מען טאָן?.. פאַרשרייב דאָס ריישיס־באָכמאָ אין פינקעס, און ווייטער—גאָט וועט געבן—עס וועט אַראָפ גלאַט...

פונקט אין 3 כאָדאָשים אַרום קומט דער פאָטער ווייטער צום רעבן:

אַי, רעבע, דער אומגליק איז געשעהען: די טאָכטער האָט מוליד געווען!.. וואָס הויבט מען אָן צו טאָן? וואָס טוט מען מיט איר, מיט דער טאָכטער, הייסט דאָס? וואָס טוט מען מיטן אויפעלע?... ווי איז דער דין מיקויאַך אַ בריס?... אַ מאַמזערל!...

דער רעבע איז נישטוימעם געוואָרן...

ש ז י ן ?. . א ז ו י ג י ך ?.. ג ע ה אַ ט ?.. 3 כ אָ ־
ד אָ ש י ם ע ר ש ט !...

— איר שפּילט זיך, רעבע, אַ ראָליע מיט דייטש־
שער טעכניקע..

גערוען טעכניק אויך באַ אונז...

אַז די מאַזורער אָזיערעס האָבן גענומען פרירן האָבן די דייטשן גענומען לאָזן „ליעדאָקאָין" איבער זיי, קעדיי שטענדיק צו האַלטן זיי אָפן אום די רוסן זאָלן ניט אויס נוצן דעם אייז אַף אַריבער צו כאַפּן זיך איבער אים אין מזרעך פּרוסיע. מיטלען האָבן אויך אָנגענומען די רוסן, בעשאַאַס עס האָט גענומען פרירן די דווינע אינטער דווינסק.

צו יענער צייט פלעגט מען כאַפּן אוילאָם „אַף אָקאָפּעס". יעהורים זאָבן גלייך געפּאַקט דעם טראַף, אַף וואָס מען דאַרף זאָס אַזוי פיל מענטשן...

אַף וואָס כאַפּט מען דאָס דעם אוילאָם אין די גאַסן?

אַ ף ו ו אָ ס ד אַ ר ף מ ע ן ז יי אַ ז ו י פ י ל ?

— אַ ף ו ו אָ ס ? דאָס שיקט מען זיי אונטער דווינסק צו „כוקען" אַף דער דווינע אַז זי זאָל ניט פרירן..

שטיקנדע גאַזן, דערציילן אידן, האָבן אונזערע געגומען אָנצואווענדן אַפן פראָנט

נאָך איידער דער סוינע האָט זיי איינגעפּירט
אין געברויך.

פאַרוואָס, לעמאָשל, פלעגט זיך דער דייטש די ערשטע
ציַיטן עפּעס אָפּרוקן פון אונז?
— פאַרוואָס? ווייל

Дух нашей армии

איז געווען

превосходный—

און זייערע נעזער האָבן אים פּאָשוט ניט פאַרטראָגן...

ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער „דוך" האָט געווירקט נאָר קאָל-זמאַן
ער דייטש האָט זיך צו אים ניט צוגעוויינט.
שפּעטער, פאַרקערט, איז דער דוך דער דאזיקער געוואָרן אונזער געפערליכסטער
פיינט.

וואָס איז דער סייכל, וואָס ביי דעם דייטש איז
אזוי גוט אַוועקגעשטעלט געוואָרן די ראַזוויעדקע
(די אויסשפּירונג)?

-- דער סייכל איז א פּאָשוטער: מיר גיבן זיך
אַליין אַרויס,—

Дух нашей армии превосходный,—

הערט זיך אַזש פון ווייטן...

ווי פלעגן מיר באַקעמפן די דייטשישע טעכניקע?

אונזער „געני״ הָאט געאַרבעט אף אַלע קיילים — און האָט אין דער מילכאמע-פּראַקטיק אַיינגעפירט אַ ריי אויסגעצייכנטע איינפאַלן, וועלכע וועלן אף אייביג פאַרבלייבן אלס ער-פינדונגען פון דער רוסישער קריגס-קונסט.

עמעס, די איינפאַלן האָבן ניט אַלע מאָל געגעבן די געהעריגע רעזולטאַטן אבער אין דעם זיינען שולדיק געווען פאַרשידענע סיבעס...

קזירעם-קאל האָבן מיר אנגעווענדעט די שטאַרקסטע אידישע סגולע פון

„אומבייטן אַ נאָמען״, —

פּעטערבורג האָבן מיר מעסאַנע האַשעם געווען אף פּעטראָגראַד.

די סגולע האָט אָבער ווייניג געהאָלפן...

ערשטנס, ווייל

פויער בלייבט פויער! ער׳ט געהערט קלינגענדיק און ווייס ניט זינגענדיק...

„שינוי-האַשעם״ (אַ נאָמען אומבייטן) באַשטייט ניט אין בייטן, נאָר אין צולייגן אַ נאָמען און ער האָט דאָס פאַרשטאַנען פשוטוי-קעמאַשמאָאָ („טאָפּאָר דאַ פּלאַכאַ״)... דארפן האָט מען נאָר געראַפט פּעטער-בורג איבערצאַנדערשן אף

כאַאים-פּעטערבורג, אָדער

רעפּאָעל - פּעטערבורג אָדער, נאָך בעסער, אַף כאַאים - רעפּאָעל-פּעטערבורג, אַמאָלסט וואָלט עס בלי-סאָפּעק געהאָלפּן..

ווייטנס,

אונזערע סוידעס!

גלייך איז פון דעם מיטל געוואָר נעוואָרן רעבּנ גילגול און האָט זיינער אַ שטאָט אויך „מעשאַנע-האַשעם" געווען, און ווי באַוואוסט —

Клин клин выбиваеть...

(דער ייִדך איז ניט אין גאַנצן דרוקבאַר)

דריטנס,

מי האָט אומגעבּיטן פּעטערבורג און מי האָט פון זינען זרויסגעלאָזן, אַז אין לאַנד בלייבן נאָך אפּילע גינצבורגס, פּיינבורגס, בראַנזבורגס, איבּ־ויטע... *)

---

*) די גינצבורגס, עמעס, האָבן זיך נאָך דער „אַפּעראַציע" געפינען ניט גאָר אין אַן אַנגענעמער לאַגע. זיי פלעגן פּאָשעט נעבעך ווערגן זיך מיט זייערע פאַמיליעס:

פאַניע גינצבורג! שאָלעם אַליכעם! וואָס מאַכט איר?

— ששש! גינצגראַד און ניט גינצבורג...

ווייטער—

אין געשלעג פלעגן זיך אידן וואַרפן מיט „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!“ קלאַנגען האָבן זיך פאַרשפּרייט אַז דאָס פאַרהיט פון סאַקאָנעס, און... מיר־האָבן גענומען פּראַקטיקירן:

אָנשטאָט „אוראַ!“ וואַרפן זיך אין אַנ־אַטאַקע מיט „כאָד!“...

געגן „באָלגאַר האָבן מיר צוגעטראַכט אַ באַזונדערס אָריגינעלן מיטל:

לאָזן אים אָן כאַרוויסעס...

(ווייערן-Mиpo, וועלכן עס באַנוצט די פּראַוואָסלאַווישע קירכע פון דער גאַנצער וועלט, קאָכט זיך מערנישט, אז באַ אונז אין קיעוו. נו, האט דער פּאַטריאַרך אונזערער פּאַראָרדנט ניט אָפּצולאָזן די באָלגאַרן פון אָט דעם היי־ליגן מירן...)

אינטערעסאַנט איז דער איינפאַל—

ווי צו ראַטעווען זיך פון די דייטשעשע שטיקגר־גאַזן?

— ווי? גאָר פּאָשוט! „זיי“ פאַרשפּרייטן, ווייער גאַד לאָמיר זאָגן, אַף 30 מעטער, נעם און רוק זיך אָפּ אַ צוריק אַף 40, לאָבזשטו זיך שוין פון איבערוים..

געגן „טשעמאדאנעס" האבן מיר ביכלאַל גיט געפונען פאַר נוייטיק צו רעאגירן:

וואָס קען אונז שאדן א „טשעמאָדאַן"?

ער רייסט גריבער („יאָראָנקעס») אפן בעסטן פאַל, נו, 9 קלאַפטער די טיפקייט — און אַ „נאַש בראַט"... ליגט 10 קלאַפטער אין דער אדאמע...

ווייבער האבן איינגעפירט:

בענטשן ליכט אפן בייס-אוילאָם...

איז אבער געוואָר געווארן וועגן דעם דער דייטשעשער גענעראַל שטאַב און האט דאָס באַ זיך אויך גענומען פראקטיקירן...

אַז עס האַט געהאַלטן ביטער די לאגע מיט וואַרשע, האט זיך ניקאָלאי ניקאָלאיעוויטש געווענדעט צום סאָכאטשאָווער, זאַל מאַריך יאָמים זיין:

ווי מאַכט מען, רעבע, אז דער דייטש זאָל זי ניט קענען נעמען?

— נו, און וואָס איז מיט די פעסטונגען אַרום?

— ע, רעבע, זיי זיינען א קנאפע כעזקעס..

— טאָ ווייסטו וואָס? נעם און גיב זי איבער אף דער ווייבס נאָמען..

אַה דער ווייבס נאָמען פלעגט מען „אין די גוטע יאָרן" איבערגעבן אַ

מציבה אַ געשעפט, קדיי קרעדיטאָרן זאָלן זיי ניט קענען אָפּנעמען פאר כיוו...)

בינ אָנער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט זיך אַקער געמאַן

אין שוין געווען «לעאַכאַר=האַמאַיסע»...

אייצעס האבן זיך געשאָטן פון אלע זייטן...

· אַזוי, לעמאָשל, האָט מען גערעטן —

קעדיי ניט אַריינצולאָזן דעס סוינע אין לאַנד, אַיועק־

צושטעלן אַפן גרעניץ אַ קאָנטראָליאָר, ווי אין א טעאַטער

לעהאוול, וועט יענער אים שוין ניט דורכלאָזן (די באַלע־

אייצעס האבן אבער פאַרגעסן, אַז אַ קאָנטראָליאָר לאָזט אַוודאי

די רך... ניט אומזיסט, פאַרשטייט זיך...)

מי האָט דערציילט דאַמאָלט, אז ·

. ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן האָט זיך איינגעגעבן דורך

דער „באַלאַס־אַיווו" (אַ ביבלישע קושעף־מאַכערין) אַרויסצורופן

פון יענער וועלט בילאָמס שאָטן.

— וואָס ווילסטו פון מיר? האָט געפרעגט דער שאָטן.

צוליב וואָס האָסטו מיך מאַטריאַך געווען אויש פון

יענער וועלט?

— איך וויל, דו זאָלסט מיר פאַרשילטן

וויל העלעמען.

בילאַם האָט מאַסקים געווען און האָט זיך שוין גע-קליבן שילטן, נאָר מיט אים האָט פּאַסירט די אַלטע מעשה, וואָס דאַמאָלסט, בעשאַס ער האָט זיך געקליבן פאַרפלוכטן די פאָלק איסראָאיל: אָנשטאָט:

Царство ему Небесное!

האָט ער זיך אויסגערעדט:

Царство ему Немецкое!

— דו בענטשט דאָך גאָר אים! האָט מיט פאָרוואורף געזאָגט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש.

— שילטן אים קען איך ניט, נאָר אַנ-אייצע וועל איך דיר געבן. דער גאַנצער קוויאַך ווילהעלמס שטעקט אין די שפּיצן וואָנצן אין זיינע. דערקלייב זיך ווי עס איז צו זיי און שער זיי נאָר אָפּ-דאַמאָלסט האָסטו די מילכאָמע געוואונען.

איין האַמצאָע אונזערע איז קעדאַי צו פאַרציכנט צו ווערן באַזונדער.

אַז עס איז געוואָרן אַ דרוק אין אַמוניציע, איז אונזער גענעראַל-שטאַב געפאַלן אַף אַ געאוינישן איינפאַל ווי צו פאַרשפּאָרן שפּאָרעס אין קאַוואַלעריע.

די שפּאָרעס זיינען דאָך אייגנטליך אַף אינטע׳צו־טרייבן דעם פערד.

טאָ צו׳ליב וואָס איז נויטיג אונטערצוטרייבן אים פון ביידע זייטן? גענוג — פון איין זייט, ווייל מאָנאַשעך, וועט לויפן איין האַלבער פערד, וועט דאָך שוין די אַנדערע העלפטע בימיילע לויפן. . און צו איין שפּאָרע באַ יעדער קאַוואַליעריסט קען מען דערווייל איינשפּאָרן...

אידן און זייער איינטייל אין דער מילכאָמע.

קיין גרויסער „וואָיאַקע" איז אַ איד ביימשווע ניט...

ביז דער טערקישער מילכאָמע איז ער פון געשלעגן געשטאַנען קאַמאַטזי אָן אַ זייט. אין דער אַרמיי האָט מען אים גענומען אין אַגאַנץ קליינער צאָל.

עס איז געווען דאַמאָלסט די פינפטע עפּאָכע פון

בעהאָלעס,

קאַנטאָניסטן,

כאַפּערס,

פּאַימאַניקעס,

אָכוואַטניקעס,

ניקאָלאַיעווסקע...

סאָלדאַטן פלעגן דאַרפן געבן נאָר געזינדן

„קלייטלעך" (וואו מער אַז 5—4 זין)

און אזוינע געזינדן גרויסע פלעגן זיך „פון סגזל עווענ" מיילן אַף 2 קלענערע, אומבייטנדיק פאַר איין העלפס די פאַמיליע...

אידן האָבן איבערגעלעבט אַ היבשע ביסל שווערע מאָמענטן... צום באַדויערן האָבן זיך ווי יי ניג שפורן פארהאַלטן אין דער שפראַך וועגן יענער שווערער צייט:

געציילטע מאַייסעס וועגן ניקאָלאַיעווסקע איז און דער ווערטל:

ער נעמט זיך אַ בער ווי אַן־אַכיואַסניק,—

אַט דאָס איז קאַמאַט ווי גאָר...

די ביסל אידן, וואָס פלעגן זיך אריינכאַפן אין דער אַרמיי, פלעגן אין איר מערסטנטיילס אַסימילירט, באטל-בעשיש ים יוערן.

די „רעכטע געדיכטע" פון פאָלק איז זייניג אריינגעדרייט געווען אין מיליטער-רעדל.

מער ניט די אידישע „פניי": דער פּאדריאַדטשיק, דער סיכער

דער „פּאָ כטאויושציק"—די האָבן זיך געדרייט אַרום איר און געמאַכט פון איר געשעפט...

אַט די דאָזיקע „פניי" זיינען דאָס, אייגנטליך, געווען אויך די פאָלי-מיקער אין שול. זיי האָבן מער אָדער וויינינער די פּאָליטישע לאַגע פאַר-שטאַנען.

דער „מאָסן-איד" האָט אָבער וועגן אזוינע זאַכן געהאט זייער אַ שוואַכן באַגריף.

פאָרשטעלן פלעגט ער זיך, אַז

אַף מילכאָמע שיסט מען מיט הייסן אַרבעס...

— אַי, קען מען דאָך טרעפן אין אַ גאַניג?

— רעדט מען אָפּ, אַז אין אַ גאַניג

זאָל מען זיך ניט צילן...

יעגן דעם שוידער פון געשלעגן האָט ער געהאַט אַ [illegible]
בסידיב, לעמאָשל, איז געגאַנגען אַנ/אַפּאָריזם, אַז

עס איז קעדאַי — 7 יאָר זאָל זיך אַ מילכאָמע פירן,

קעדיי כאָטש אַראָפּצונעמען פון אראַנגן צו „מעלאַוועמאַלקע"...

אין גערעכנט האָט דער איד אַז

שלאָגן, שלאָגן זיך נאָר די סאָלדאַטן, די קייסאָרים אָבער זיינען צווישן זיך גוט און שפּילן בעשאַס מאַיסע אײנער מיט דעם אַנדערן אין שאָך...

יעשיווע-באָכערים, באַכמיע ליעזשאַנקע פלעגן אין מילכאָמע-איניאָנים אַרויג. וויין מווירעזיקע בעקיעס (געניטקייט), און די גרעסערע טלאָקזאַציעס פלעגן זיי איך פאָרשטעלן ביי זיך אַפּיאַראָן...

פאַרוואָס איז שווער געווען אַריבערצוגיין דעם דונאַי?

דו שטעל זיך מער ניט פאָר: אָט דאָ, וואַגרער

לאַדאָן (דלאָניע) איז, זייגען, לעמאָשל, די טערקן
און דאָ, וואו די פינגער זיינען, שטייען
די רוסישע, און וואו דער בויג אין מיטן
—איז דער דונאַי, און די טערקן
שטייען אויף שיסן, איז ווי וועסטו אַריבערגיין?

— אָבער פאַרוואָס זאָל מען ניט צומאַכן די האַנט
אָט אַזוי? וואָלטן דאָך די רוסן באַקומען זיך אַף
יענער זייט טייך?

— הערסטו, כאָכעם, וואָלט זיך דאָך
אָנגעגאָסן וואַסער אין אַרבל...

און אַלץ מלעגן זיי באַנעמען מיט זייערע „געמאָרע-קעפּ“.

הוי דערציילט:

אַ צייטונג האָבן זיי אַמאָל געלייענט, די יעשיווע-באָכרים...

טעלעגראַמעס:

ווינע. פון דאַנען פירט מען אַריבער דעם דראַגונער פּאָלק אין וואַרשע...

וואַרשע. פון דאַנען פאָרט אַרויס דער הוזאַרן פּאָלק קיין ווילנע...

— זאָג מיר, באַבעס, וואָס איז דער כילעק צווישן דראַגונער און הוזאַרן?

— דער כילעק איז אין די הויזן:
די גייען אום אין בלאָע הויזן און יענע —
אין געלע...

— גויאישע קעפּ! האָט מען דאָך געקענט אריבערשיקן
מער ניט אַז די הויזן אַליין און ניט מאַטריאָך זיין די
מענטשן?

— מיינסטו דאָך אַבער, אַז „זיי" זיינען שוין גאָר
נאַראָנים? און אין וואָס וואָלט דער־
ביי דער אוילאָם געבליבן?..

איין זאַך מער ניט, האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, איז
אַף מילכאָמע נט קיין אַיינגענעמע, דאָס איז
„נאַ־שטיכ"...

אין א צייט פון מילכאָמע פלעגט דער מערסט בנט יילס און ״לאָם האלטן שכרויינגן בייטראַליטעט.

עס זיינען דורכגעגאַנגען אַמאָל די פּראַנצויזן פאַרביי
אַ קרעטשמע. דער באַלעבאָס פון קרעטשמע האָט בעאַייס
מאַיסע נעראַפּט גיין נאָך וואַסער, נאָר ער איז געבליבן
ליגן בעסער אַפן אויוון ביז וואַנען די סאָלדאַטן זיינען
ניט דורכגעאַנגען. אַז די סאָלדאַטן זיינען שוין געווען
גאַנץ ווייט, פרעגט בא אים די ווייב:

וואָסטו מוירע געהאַט צו גיין פריער?

— איך האָב גארניט מוירע געהאַט, נאָר צו מיט פולעמער באַגעגענען דעם אוילאָם, צו מיטליידיקע — וואָס דאַרף איך זיך מישן צווישן 2 מעלאָכים?.

נאר כאכמיע-ליעזשאנקע האבן ניט געקאנט בלייבן אזוי זיך גלייבגילטיק...

זיי פלעגן זיך צוטיילן אָף-צדאָדים, און צווישן די צדאָדים פלעגן אין שול פארקומען די גרעסטע רייסעניש;

א מעלאַמעד איינער, א הייסער אָנהייגער פון דעם טערק, האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערוואוסט, אז דער טערק האָט געכאַפּט א גרויסע מאַפּאָלע.

„זעסטאָך, שיידים האָבן מיך „נאַהאָדיעט" צו שלאָפן היינטיגע נאַכט!

צוגעלייגט זיך אף איין מינוט — געפּאַטערט 2000 מענטשן".

פאר א ביקס האט אט דער אוילאכמע אליטיקער מוירע געהאט ווי פאר פייער.

דאַס שפּילט מען זיך מיטן מאַלאַך־האַמאָוועס.

מען דערציילט:

דער עקאָנאָם ביים פּאָריץ האָט עפּעס געשניטן פון אַ שטיקל האָלץ.

דער רענדאר מיטן אינגעלע מיט זיינעם זיינען גע־ שטאַנען בעשאַאָס מאַיסע דערביי.

— זאָג מיר, פּיאָטרע, וואָס מייסטרעוועסטו דאָס?

— דאָס וויל איך אויפמאַכן א שיידל צו מיין פּיסטאליעט.

— זונעלע, רוק זיך ג כער אָפּ...

א איד האט זיך גאר ניט געקאנט באדערשטעלן:

ווי וואָלט ער דאָס אַף מילכאָמע געשאָסן? מי קען דאָך האַרגענען אַ מענטשן.

די פאנטאזיע פלעגט איב מאָלן אַ זאַ מצענקע אפן שלאכט־פעלד:

דער גאַבע רופט דאָס אויס׳עט: (ווי צו האקאפעס)

אַיז מען מעכאַבעד א נאָגיד, אַ יאַכסן, רעבע כאַאימען מיטן ערשטן שאָס!

(רעבע כאַאים — מויכל!

— איז מען מעכאַבעד א זינגער, אַ טענצער, רעבע יאָסלען מיטן ערשטן שאָס!

(רעבע יאָסל)— מויכל!

— איז מען מעכאַבעד אַ זיידענעם יונגערמאַן, רעבע אַלטערן מיטן ערשטן שאָס!

(רעבע אלטער)— וואס עפעס איך? זאָל שיסן אנ־ עלטערער!

— איז מען מעכאַבער רעגע צווי ברעבע פערעץ מיטן
ערשטן שאָס!

און רעבע צווי־ברעבע־פערעץ נעמט סאָף־קאָל־סאָף דעם ביקס אין האַנט (אָן אַ קויל, פארשטייט זיך) זאָגט אָפ „בעקויל־ראָם" הויך) דעם פּאָסעק:

«שש אָנכי על אמרתיך"...

און קערט אום דעם ביקס אַ צוריק מיט א „יעהי־ראָצוין":

— זאָל דוכטן, אַז געשאָסן.*) (אַלץ איינס (אַזוי גוט), ווי געשאָסן) און א ספעציעלע „קאָמאַנדע" אנ עכט אידישליכע, האָט „כעוורע" באַשאַפן פאר דעם סאָרט „יואָיאַקעס":

האָאָניק (האָניק) — לעק!
טאַאַביק (טאַביק) — שמעק!*)
ברויט געבאקטע,
ציבעלע געהאַקטע. (עטליכע מאָל,) **)
לאַפ די ראַשקע,
לויף נאָך קאַשקע,
די קאַשקע
ווערט דאך קאַלט;

---

*) מיטן ניגן פון Напра"во!
Шагом марш!
**) מיטן סאָן פון באַראַבאַן:
טאך־טו־דע־ראך־טאך, טאַך־טי־דע, ראך־טאך...

כליאָרבע (כליאָבע, זופ) די געדיכטע,
כליאָרבע די געדיכטע ")
און פארזופ מיט שיטערע, (2 מאל)

ביכלאַל זיינען אידן געווען דער מיינונג, אז

וואו מען דאַרף—
הידים ידי עשו(אייסאָווס „לאַפּעס")
טויג ניט—
הקול קול יעקב (יאַנקעווס קאָל);

אז פון אידן אין דעם פּראַט קען גאָרנישט ארויסקומען:

פארוואָס עפּעס מאַכט מען ניט, לעמאָשל, קיין אידישן פאָלק ?

ווייל טאָמער וועט זיך איין איד אָפּשטעלן צוליב אַ "נויטיגער זאַך", וועלן זיך אַלע אָפּשטעלן..

היינט שטעלט אייך איצטער פאָר, אז אַזא

סטרעליעץ!

אַזא

שיסער!

אזא

יעוואָן!

") מיטן שראָט-טאָן פון באַראבאן: טר-ר-ר-אַך-טאך, ט-רר-ר-ר-אך טאך.

כאַפּט זיך אַריין אפן רעכטן שלאכט-פעלד, אונטערן סאַמע פייער:

אין דער טערקישער מילכאָמע, דערציילט מען, האָט אַזאַ „זעלנער“, דערזעהענדיק צום ערשטן מאָל דעם עמעסן געהינעם, אפּעג געטאָן ביים פיטפעביל: —

А где тут эта война?

— Да вот она самая и есть!

— Тык это-ж не война,

а чистый разбой ···

קיין כידעש דערפאַר ניט, וואָס אַידן האָבן דעם „מייכל“ פיינט באקומען גלייך פון דער ערשטער מינוטאָן, זיינט זיי האָבן זיך באקענט מיט אים אין דער טערקישער קריג...

און ווען מען נעמט נאָך אין באטראכט די אומגעלומפּערטע אידישע רעכטלאָזיגקייט אין לאנד *) איז גאָר אקנאַפּער וואונדער וואָס אידן האָבן זיך ניט אזוי שטארק געריסן צו גיין, —

*) איינציגע קוריאָזן פון אַידישער רעכטלאָזיגקייט:

1) מיט 2 כאַדאָשים פאַר דער יאַ-פּאָנישער מילכאָמע פאַרווערט מען אידן צו-וואוינען אין פּאָרט אַרטור און אין קיוואַנטון, און גלייך באָכדעם שיקט מען זיי צו פאַרטיידיקן דעם געגנד פון די יאַפּאָנער...

"За царя и отечество" פאר זיך האָבן אידן קנאַפּע טאכלייסים אין מילכאָמעס געזעהען... פאַרוואָס צו שלאָגן זיך האָבן זיי געהאט אַ גאַנץ קליי-נעם גרונד.

---

2) געוועזן א פולע פאַלן, ווען דעם מאַנסביל מיט וואוין-רעכט אין ראַסיי (א באל-מעלאכע, לעמאשל, אדער אַ דאקטאר) מאָביליזירט מען אפן פראָנט, און די ווייב זיינע מיט די קינדער שיקט דערווייל די אדמיניסטראַציע ארויס אין טכום, באַאַשער בעכיין, אזוי הייסט דאָס, ווי וואוין-רעכט האָבן זיי דאָך צוליבן מאַן, היינט ווייבאלד, אַז ער איז איצטער דאָ ניטאָ — וואָס פאַר א רעכט האָבן זיי זיך דאָ צו געפינען?

3) מערסטנטיילס אידן פין די מיירעוו-גובערניעס פלעגט מען שיקן דינען אין כיביר. אין פלעגט א איד א סאָלדאַט קריגן א קליינעם אורלויב אין דער צייט פון דינסט, האָט ער אַף דער צייט פון אורלויב געדאַרפט פאַר-לאָזן די שטאָט, וואו ער דינט, און אריבערפעקלען זיך אין טכום...

"Пока я царствую" (קאל-זמאַן איך בין קייסער) האָט פייערלעך ערקלערט דער „מעלעך-שעל-כעסעד" (ניקאָלאַי דער 2-טער) не бывать в России равноправию евреев (וועט פאַר אידן קיין גלייכבאַרעכטיגונג אין רוכלאַנד ניט זיין!

אין א וואַגאָן, דערציילט מען, האָבן זיך געטראָפן אַמאָל סאלדאטן פון פאַרשירענע פעלקער. עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ שמועס צווישן זיי:

פארוואָס און פאר וועמען ווער עס שלאָגט זיך פון זיי.

דער פראַנצויז האָט ערקלערט, אז ער שלאָגט זיך פאַר עלזאַס־לאָטאַרינגיען;

דער דייטש—אז ער גייט פאַרן קייזער און פאַטערלאַנד;

דער איינגלענדער—אז ער קעמפט פאַר דער העגעמאָניע פון איינגלאַנד איבערן יאַם;

דער רוס—אַז ער פירט מילכאָמע—

За веру, царя и отечество.

און אזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

געזעסן צווישן דעם אוילאָם אויכ'עט אַ יעהודי.

—און איך, זאָגט דער יעהודי, שלאָג זיך פאַר גינזבורגן...

אַלע זיינען נישטוימעם געוואָרן...

—וואָס הייסט פאַר גינזבורגן?..

—וואָס הייסט? גאָר פּאָשוט! עס האט געדארפט

אין סאָלדאטן גיין גינזבורג, האָט ער זיך
אָבער מיט געלט אויסגעדרייט, —
נו, האָט מען מיך אנשטאָט אים גענומען...

א) פּריזיוו.

אין ניט נאָר מילכאָמע האָבן אידן פיינט געהאַט, נאָר דעם עצעב
דינען:
דעם רעזשים, די סינע ארום, די גראָבקייט
דעם קעסל (טאַרפּע),
די ניוועלירונג אין דינסט, דאָס וואָס
אַלע יעוואָנים האָבן איין פּאָנים,
דעם עצעם
אַרייננפאלן צו איוואַנען אין די הענט...
„איוואַנס לאַפּעס"
זיינען געווען א מין שרעק פאַר אידן.
בא איוואַנען איז דאָך קיין וואָר־וואָרט ניטאָ:
אָט זאָגט ער: Hаправо!
און אָט איז בא אים שוין — Hалево!
אַ גלייכווערטל איז געגאַנגען:
זינט „דינען" האָט אָנגעהויבן „שכעם־בען־כאַמויר" איז
פאר א אידן ניט אָנשטענדיק צו האָבן געשעפט מיט דינען...

יאַנקעווס טאָכטער, דינען, האָט מעאַנעס געווען איינער אַ געוויסער שכעס בען כאַמויר)

און פון קונדווייז—אָן פלעגן שוין אידישע אינגעלעך פאַרטראַכטן זיך וועגן דער „פאַראָהיע", וועלכע זיי שטייט פאָר אַריבערצוקומען.

נאָך אין כיידער גייענדיק פלעגן זיי שוין זינגען:

אַן־טידע-ראך טאַך, פעניטשקאַ,

טרי קאָפּייקי דיענעזשקאַ,

ניעט, ניעט, ניע כאָטשו,

או סאָלדאַטי, ניע פאָידו . . .

עלטערע פלעגן זיי טרייסטן:

ביז וואַנען דו וועסט דאַרפן שטיין (צום פּריזיוו), וועט מאָשיאַך קומען;

אָדער

דו ביזט אַזאַ ברעקעלע, אז דו וועסט די מאָס ניט כאַפּן;

אָדער

דיך וועט מען פאר אַ סאָלדאַט ניט נעמען.

— פאר וואָס עפּעס ?

— ווייל — וכסיל לא יבין — א נאַר איז קיין יאָוון ניט — שטייט אין טילים.

פראַקטישע טאַטעס פלעגן זעהען באַצייטנס זייערע קינדער—

ליאַהאָטעס מאַכן,

קעדיי צו באַפרייען זיי פונם פרוזיוו דערנאָך.

באַ אַזאַ טאַטן פלעגט זיך שוין די היטל אָנהויבן צו דרייען אַף אַ זייט גלייך פון דעם בריס אָן.

מי דערציילט:

א יונגער טאַטע איז אַמאָל צום ראָוו געקומען, צום קאַזיאָנעם ראַבינער, הייסט דאָס, פאַרשרייבן זיין נייגעבאָרענעם ערשטן אינגעלע.

— ווי גיט איר מיר, רעבע, אנ׳אייצע? ווי פאַרשרייב איך אים אין מעטריקע, דעם זונעלע מיינעם?

פארשרייב איך אים עלטער מיט א יאָר, האב איך מוירע, אַז אים זאָל שווער זיין אָנצוקימען איבער די יאָרן אין „אנ׳אוטשעבנע זאַוועדעניע" דערנאָך.

— פאַרשרייב איך אים מיט א יאָר אינגער — הייַנט טאָמער ווערט געבאָרן נאָך איינער דערווייַל, וועט ער דאך אים „די ליאהאָטע צישיסן". *)

— און טאָמער וואָלט איר אים גאָר פאַרשרייבן אזוי ווי ער איז, די עמעסע יאָרן?

דער איד איז אביסל באָטל געוואָרן:

*) 2-טע ליאַהאטע פלעגט האָבן דער ערשטער זון, אויב צווישן אים און זיין פאלגענדן ברודער איז געווען אַ מערכעק ביז יווייניגער פון 3 יאָר.

— הא? ווי זאָגט איר? די עמעסע יאָרן? זע, אף דעם סייכל בין איך גאָר ניט געפאַלן...

פון אלע טרייסטעניש אַון פלענער אבער—פלעגט זיך אויס-לאָזן א ציבעלע דערנאָך:

מאָשיאַך פלעגט ניט קומען;

בענויגייע צום —

„כאַפן אין מאָס"

פלעגט זיך ארויסווייזן, אַז

דער קייסער האָט מאַזל: זיי האָדעווען יך אויס די קליינוואַרג,

און ליאַהאָטעס פלעגן אויך זעלטן העלפן,—באַ אידן פלעגט מען ניט קוקן אפילע אף

איין אויג אין קאָפ (א בען-יאָכיד).

פריזיוו-צייט פלעגט זיין דערנאָך א היבשע אייס-צאָרע פאַר אידן...

פון סימכאַס-טוירע אָן פלעגט זיך שוין אָנהויבן דער „יאָם-טעוו".

צו „נעדאָרים" פלעגן פריזיוויקעס „המלאך הגואל" קויפן..

און אף מאָרגן נאָך סוקעס פלעגן זיי שוין אָנהויבן זיך צו גרייטן...

ווער עס האט געהאַט בעדייע —

אָפצירוקן זיך אין אמעריקע,

פלעגט זיך שוין אין וועג פּאַקן;

ווער עס האָט געהאט

א קנאַפּע האָפענונג אף „ארויס“

(אף ארויסצוגיין, אַף צו באפרייען זיך)

פלעגט זיך שוין נעמען —

א „קעסטל“ מאַכן

(אָנגרייטן „גארדעראָב“ אף „אין דינסט“)

ווער עס פלעגט

אַ מאָרעניק,

אָדער

א מאָרע־נעפּעשניק

ווערן, אָנהויבן ה. ד. אביסעלע

צומאָרען זיך (ניט דערעסן),

און ווער עס פלעגט

אַיינרייסן זיך אַ ווערלכן עס איז רעכטן אייווער.

מאָמעס פלעגן זיך נעמען פאַר זייערע סגולעס:

טאָאַנייסים פאַסטן;

די וועלט איינגלייגן;

קוואָרים מעסטן;

אָנזאָגן די טאַטעס פון יענער וועלט, אז זיי זאָלן דאָרטן

גוטע בעטער זיין,

מאלאָכים-מעליצים פאר די זין פאר זייערע...

פאַר טאטעס פלעגט זיך אָנהויבן א סעדרע פון

פריגאָוואָרן *)

פון

„דאָזנאניעס" מאָכן **)

פון

„אראָפּנעמען די טויטע" *)**

פון

אָנזעהען א שטאָט, וואו צו שטעלן זיך, וואו ס'איז א „גוטע פריסיטסטויע".

בא וועמען דער זון פלעגט זיך אַלס

א נעלעם **)**

אַרויסווייזן, אָדער מיט אַ סירכע אין די יאָרן, פלעגט ער אים דארפן באצייטנס

„אף נארוזשנע וויד" שטעלן.

צום פריזיוו,

„אין פריאָם"

---

*) וועגן ליאַהאָטעס.

**) וועגן סירכעס אין די נעמען מיט די פאַמיליעס (אין די מעטריקעס)

***) אויסמעקן פון „פריזיוונאָי-ספיסאָק" אלע אויסגעשטאָרבענע, וועלכע עס זיינען אל-פי-צופאל ניט אויסגעשריבן געוואָרן, — קעדיי מ'זאָל פאר זיי ניט דאַרפן געבן קיין „נעפאַשעס".

****) ניט קיין פארשריבענער, פון דעם העברעאישן: נעלם.

פלעגט קימאַט יעדערער

„יאַיוען זיך״

מיט א וועלכן עס איז

„בראַק״

דערנאָך, —

מיט אַנ׳עמעסן, אָדער מיט א געמאַכטן כעסאָרן:

זוער מיט

אַנ׳אויער,

און ווער מיט

אַ קלין (א גריזשע).

זוער מיט

אַ געמאַכטע פוס,

און ווער מיט

אַנ׳אַויגל

זוער מיט

„מיר אירן״ *)

און ווער מיט

„נאָך עפּעס וואָס״

ווער מיט

א «צאַצקע״,

*) געמאָראָי, גילדן־אָדער, מערידן; א מאכלע א פאַרשפּרייטע צווישן אידן.

מיט

א „קרוין אפן קאָפּ«, (אַ פּאַרך)

און ווער עס פלעגט

אַף א ווײַלע גאָר אַ „סלוצקער ווערן" ״)

פון אלע רמח (248) אייוורים, פלעגט מען לאַכן, פלעגן אידן מערנ־שט אַז דעם גראָבן פינגער צורו לאָזן, און טאָמער האָט «אַ דאָקטאָר״, דערציילט מען, געגעבן אנ'אייצע א איין אַמאָל, ער זאָל זיך, אַלס כעסאָרן, דעם גראָבן פינגער פון האַנט

״) א סלוצקער ווערן האָט געהייסן

פ א ר ב ו י ג ן ז י ך א פ י נ ג ע ר

וועגן סלוצקער אידן דערציילט מען:

סלוצקער אידן זיינען גרויסע באַלע-גייוועס, האלטן פון זיך אַנ'איילאָם אומלויאָ, עס איז צו זיי גאָר: „ניע פּאָדכאָדי״!

אַז מען הויבט אָן באַ אַ סלוצקער צו פרעגן: „פּעטער, וואָס איז מיט אײַך דער מער? וואָס „בלאָזט איר פון זיך אָזוי״? פארוואָס זייט איר ביי זיך אַזא „יאַ-יעסטאָם״?—הויבט ער אייך אָן אף די פינגער אויסצורעכענען די „גאַדלעס״ זיינע: „ערשטנס, (פּאַרבויגט ער אַ פינגער) בין איך אַ סלוצקער... און... דערביי, נעבעך, בלייבט ער: מער האָט ער ניט וואָס אַרויסצושטעלן... און פון דעם שטענדיקן בארימען זיך אין אַ מעשעך פון דויעס לאַנג, מיט דעם, וואָס ער איז—„ערשטנס אַ סלוצקער", ווערן זיי שוין אַזש געבאָרן מ י ט א יי ן פ י נ ג ע ר אַ פּ אַ ר ב ו י ג ע נ ע ם...

אָפּהאַקן, האָט אים יענער גלייך אָפּגעשטעלט:

Что вы, господин доктор!

А чем-же я буду говорить? (*

צו די אַלע כעסרוינעס פלעגט נאך דער אוילאב דויך

„כאַדאַטאַיעס"

וואו מען דאַרף—

אַביסל „אונטערשמירן",

איך זעהען—

ניט צו זיין „אַפן רעכטן פייער",

אַף אַ ווייליגקע, ה. ד. אָפּרוקן זיך,

בעשאאס

מי שניידט, מי קאָסיעט, מי גיט אָפּ קעסיידער..

העלפן פלעגט אָבער אלץ העלפן, וויפל אַ טויטן באַנקעס.. צו אידן פלעגט מען זיך בינדן מער ווי צו אנ׳אנדערן: אפילע דעם סאַמע ווייסטן קאַליקן פלעגט מען זעלטן ווען

אַרויסלאָזן „גלייך פון טיש",—

מערסטנטיילס פלעגט מען געבן

נאַגאָד!**)

---

*) וואָס רעדט איר, פּאַניע דאקטאָר! און מיט וואס וועל איך ריידן דערנאָך? (אידן, אז זיי ריידן, העלפן זיי זיך צו מיטן גראָבן פינגער).

**) אָפּלייגן דעם שטעלן זיך אף איאָר, דער פּריזיוווניק זאָל פּאַרדער צייט אונטערוואקסן.

אדער אַף

איספּיטאַניע, מיין בראָך! *)

אני־אגדערש מאָל —

נאַ איזליעטשעניע **)

און בעשאאס גאָר א גרויסער סירכע אָדער אַ כעלוקע־דייעס בא די מיט־גלידער פון „פּריסוטסטוויע“—

אַף „גובערסקע“ *)**

און פלעגן די דאָקטוירים אָני־ערקענען, אז

ס׳איז „פּאָלאָצקער אַרבעט“, **)**

פלעגט מען נאך צו אלע גליקן דעם

„עפּרויאך“

אוועקגעבן פאר־סור (צום געריכט)

אַלס א „סאַמאָטראַט“.

---

*) אזוי האָט אמאָל אַ אידענע אָפּגעענטפערט א פאטש טוענדיק מיט די הענט, בעשאאס מ׳האָט בא איר א פרעג געטאן, וואס הערט זיך מיט איר זון. שיקן אַף איספּיטאַניע הייסט אוועקשיקן אין א קראַנקן־הויז אף אונטערצוזוכן אף וויפל דער כעסאָרן איז אני׳ערנסטער.

**) אף אויסצוהיילן אין דעם מעשעך פון דער דינסט.

***) אפּן באשלוס פון דער גובערניעלער מיליטערישער קאָמיסיע.

****) די שטאָט פּאָלאצק, וויטעבסקער גובערניע איז געווען באוואוסט מיט אַירע „מאכערס“.

עס פלעגן אים ניט העלפן אלע טאַינעס זיינע:

Что вы, господин доктор!
Это—парх у меня самый природный! Мой батька—парх,
моя матка—парх, и дед мой,
и бабка моя—все в нашей
семье—пархи...
это у меня по наследству (*

פון מאמעס פלעגט זיך די וועלט קערן...

פלעגט מען א זונעלע

מאַכן קאַלט אין קאָפּ (**

פלעגן זיי מיט זייערע טאַינעס קאַפּאַוול זיין אויפצואוועקן

א טויטן פון יענער וועלט.

וואָס זיי פלעגן צופּריטשיטעווען:

זעסט אָך-אַנ׳אומגליק! באלייטן זיינען געמאַכ־

---

*) וואס רעדט איר, דאָקטאר לעבן? די „צאַצקע אפּן קאָפּ“ איז באַ מיר אַ ג׳עמעסע אגעבאָרענע... באַ אונז איז דאס א ירושע-זאַך: דער טאַטע מיינער איז א פּאַרך, און די מאמע, און דער זיידע, און די באָבע... באַ אונז איז די גאַנצע געזינד — פּאַרכעס...)

**) אָפּגעבן, (די אָפּגעגעבענע פלעגט מען אַמאָל פון סגולע-וועגן, זיי זאָלן זיך ניט צולויפן, אָפּגאָלן).

טע פארבעס — און מי לאָזט זיי ארויס, און באמיין זון איז אנ,עמעסער פאַרך, און — גאָר-גישט..."

40 טאַנייסים אַרויסגעוואָרפן ווי פאַרז הונט...
איבער מאָשאַכן איז מיין זון א סאָלראַט (אַ זעלנער)..."

א. א וו. א. א. וו.

דעם זונעלע פלעגן זיי לעבעדיגערהייט באוויינען:
דו — אין קאַזאַרמע, און איך אויך אין קאַזאַרמע,
דו — מיט די סאָלדאַטן, און איך אויך — מיט די סאָלדאַטן...
ווייבער פלעגן זיי טרייסטן:
דאַרף דאָך ווער עס איז דינען!
קיין קויל שטרויט גיט מען ניט! (שטעלט מען ניט פאַר אַ סאָלדאַט)
עס דינען אַזוינע באַלעבאַטישע קינדער (אַזוינע מעיוכאָסים) ווי דיינער!
בעסער אָפן ווייטן לאַנד, איידער אין טיפן זאמד, — שיפרע, זיי אַ מענטש!
יענע פלעגן אָבער טאַינען:
— גיין, איך וועל ניט זיין קיין מענטש!
ווי קען איך באַ זיך מאַכן אזא רעכט, אַז מיין זון זאל זיין באַ כאָמקען פאָד-נאטשאַלאָם!

געהאַדעיעט, געהאָדעוועט און פאַר וועמען? פאַר כאַזערן!..

דערפאַר אָבער ווען דער זון פלעגט קריגן

„אַ ביליעט נאַ טאָט סוועט״

(א ביליעט אויף יענער וועלט. אזוי האט מען גערופן א ווייסן ביליעט פאַר א רעכטן בראַק). פלעגט צו דער מאַמעס סימכע גאָר קיין ברעג ניט זיין:

געלויבט איז גאָט! דאָקטוירים האָבן „פריזנאַיעט״ (אנערקענט) אַז באַ מיין זון איז קיין לונג און לעבער ניטאָ..

סביינעס פלעגן דאמאָלסט מעקאנע זיין:

וואָס איז מיט אייערן?

— וואָס זאָל זיין? אַן אומגליק! ניט גוטן די דאָקטוירים, אימיר־טמאָב זאלן זיי ווערן, האָבן זיך צוגעבונדן, אז ער איז געזונט.. נו, און מיט אייערן וואס טוט זיך?

— געלויבט איז דער אויבערשטער! פאַרבראַקירט!

פאַראָק סערדצאַ..

— זעסטאָך ליידישע מאַזאָלעס! (גליקן) ...

צו דעם באָכער אליין פלעגט זיין דאמאָלסט

„גיע פאָרכאָדיין!״

מי פלעגט לאַכן:

4 האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט: א האָן נאך קאָפּאַרעס

(וועלכער איז אויסגעבליבן פון קאַפּאָרעס)· אַ כאַזער נאָך דאָשרע-סטווא (נאָך קאַליאַדעס), אַנ׳ענדיק נאָך פּייטעך און א באָכער נאָכן פּריזיו.

מיידלעך-קאלעס פלעגן זיך „טרייסטן מיט כאַלאָשעס“:

א שטיקל נס, וואָס די באָכרים האבן אף זיך דעם פּריזיוו, אז ניט וואָלטן זיי מויערן געפּראָכן (וואָלט צו זיי קיין צוטרעט ניט זיין).

פון

אָפּגעפּאַטערטע (באפרייטע)

פלעגן זיי קלוימערשט אָפּלאַכן:

טויג ניט פארן קייסער — טויג ניט פאַר א ווייב (פאַר א קאַלע, פאַר לייטן).

נאר שאַדכאָנים פלעגט זיך איינגעבן ווי עס איז צו איבערצייגן זיי, אז טויגן טויג ער, נאר פאַר אַ סאָלדאַט טויג ער ניט...

ניט אַלע באָכערים, פאַרשטייט זיך, פלעגן זיך קאַליעטשען. געווען אויך זוּאוילערישע יונגען, וועלכע פלעגן

גיין, ווי צום טאַנץ..

מי פלעגט לאכן:

ער האָט א כייסאָרן, — ער קריכט ניט אין שינעל.

„ער איז צו געזונט“!

„באַ אים שפּריצט בלוט פון די באַקן“!

אַזױנע פּלעגט מען

צוגעמען, װי א האָפּ אַפּילצו!

זיי אליין פּלעגן זיך וויצלען איבער זייער לאַגע:

אַ רייכי שיער באַקומען! (דעם קייסער)

אַ שיעך געטאָן מיט ניקאָלאַיען.

געקראָגן (גענומען) א קרומע קאַלע (דעם ביקס)

דער שיער (רשר מעכוטן) האָט מיר אַנשטאָט דער טאָכטער געגעבן די „דינסט"...

א. א. וו., א. אָ. וו.

ב) מאָבּיליזאציע.

און אויב מי האָט זיך אַזױ פאַרן פּריזיוו געשראָקן, וואָס פאַר א מעהומע האָבן געדאַרפט אָנמאַכן מאָביליזאַציעס דאַמאָלסט!!

מי קען זיך גרינג דערפאַר פאָרשטעלן דעם געוודער, וועלכן עס האָט אַרויסגערופן די מילכאָמע פון 14—17-טן יאָר אויף דער אידישער גאַס.

„הילכות מאָביליזאַציעס" איז פאר אידן א „גאַנצער לייענען" געוועזן...

נאַך איידער דער שטאַב פּלעגט זיך ווענן א יועל-בער עס איז דערוויסן פון זיי, פּלעגט שוין בעיורע דערשמעקן:

וועלכע יאָרן און ווי אַזוי מע וועט מאָביליזירן;

ווי אַלט מע דאַרף ווערן, אַז עס זאָל נישט אויסקומען צו גיין;

וועלכע „קסאַווים“ מע דאַרף צוליב דעם באַזאָרגן א. א. וו.

געפֿילט האָט דער אוילאָם גאַנץ גוט, אַז

„אַהין איז די טיר פֿרייט,

און אַצוריק — שמאָל...

און האָט „אַך אַלע קיילים געאַרבעט“ אום ווי עס איז צו

ראַטעווען זיך פֿון פֿייער...

מיטלען און האַמצאָעס צו דעם זײַנען פּאַרטיידעגע געווען;

עס האָט זיך געווענדעט אין אָן דער קעשענע פֿון דעם „אייגענטימער“

אי אָן דער סאָציאַלער לאַגע אָן זײַנער.

ווער עס פֿלעגט

אַ „דאַלעט“ (דעזערטיר)

אָדער

אַניאַפּיקוימאָן

ווערן;

און ווער עס פֿלעגט זיך אײַנאָרדנען צו

אַרבעטן אַף „סאַמאָאַבאָראָנע“ *)

ווער עס פֿלעגט

---

*) אַף אַבאָראָנע, קריגן ה. ד. „אַניאָטסראַטשקע“ אַף אַנאונטערנעמונג.

בימקיים־קויהען (במקום-כהן) פּראַווען,

ד. ה.

שיקן אַנשטאָט זיך אַ מאַלעך (א מלאך) *)

אָדער

שטעלן א פּערדל; *)

ווער עס פּלעגט זיך

מאַכן א „קסיווע" (כתיבה, פּאַס, פּאַספּאָרט)

אַניעמעסע אָדער

„א געוואשענע" **)

און ווער עס פּלעגט זיך גאָר פּשוט

„די יאָרן איינרייסן".

מערסטנטיילס

ציינער מאַכן

אָהער

אַ זעקס אין זעכצ ג א רעכטי... ***)

---

*) מלאָכים און פּערדלעך האט געהייסן א ספּעציעלע קאַטעגאָריע „ווייסטע קאַליקעס", וועלכע פּלעגן „מויצי-זיין" אין „הילכוס שטעלן זיך" (פאַר א געוויסע סומע, פאַרשטייט זיך). דער נאָמען „מלאך" מוז אָפּשטאַמען פון „על ידי מלאך ועל ידי שליח".

**) מי פּלעגט מיט כעמישע רעאַקציוון „אויסוואַשן" דעם אַלטן טעקסט פון פּאַס (בוץ די כסימעס און שטעמפּלען) און אָנפילן מיט א נייעם.

***) א בעסאַרן, וועלכן עס האָט פּאָראויס געזוען די 66-טע סטאַטיע פון מיליטער-אוסטאַוו.

דערביי האָט זיך יעדערער זיין שיטע געהאַט.

די אַפּיקוימאנס פלעגן א „גזיירע שאָווע" פון דעם סיידער לערנען (נעמען א מוסטער, אַ ראַיע פון דעם פייסעפדיקן סיידער):

אַ מאַצע אונטערן קישן מאָג מען באַהאלטן, ") פאר וואָס זשע זאל מען ניט טאָרן באַהאלטן אויך אַ לעבעדיקן נעפעש?..

אַי, מי ריפּט?

— שיק אַ טאָרט — און יויצע..."

די בימקוים־קויהענס האָבן געלערנט א קאַל־וואָכוימער (קל־וחומר) פון דער טוירע אַליין:

מאַ־דאָך אז צו דער טוירע מעג איין איד דעם אַנדערן פאַרבייטן (א אויסראָעל אַ קויהען), פאַרוואס זשע זאָל מען דאָס ניט טאָרן — אויך אין א גוייאישער פריסוטססטוויע?..

דער „דאַלעט" פלעגט אויפוויזן... אז אים לויבט גלאַט ניט צו שטופן זיך „אויבן־אָן":

וואָס דאַרף איך קריכן אפן פראָנט? באַלד וועט דער פראָנט קומען צו מיר..

") דער אַפּיקוימאָן, אין סיידער־פּראָגראַם הייסט: „צאַפון,‟ ד. ה. א באהאלסענער.

"") אַמאָל אַז מי האָט ניט געהאַט בעדייע צו גיין אַף אַנאיינגעלאַרע־נער כאָסענע, פלעגט מען „אַריינשיקן א טאָרט"...

אַף ציינער מאַכן האָט מען א וואונק אין דער האַגאָדע געפונען:

הקהה את שניו...

אַון אַ זעקס און זעכציג אָדער

„א ליפּס באַלאָ"

האָט גאַנצע 3 טאַ־מים געהאַט:

(1

א 66 איז א אידישע זאַך: מי גייט אין שול דערמיט;

(2

א 66 איז טייערער (הע̇כער) אז גאָלד: גאָלד איז בעסאַך־חאַקל נאָר 56 פּ־אָבּע;

(3

אַף א 66 איז פראַנען א בעפיירעשער רעמעז אין דער טוירע אליין:

כל נפש (יוצאי ירך יעקב.) ששים ושש *)

(איז נאר א איד—דאַרף ער האבן א 66)

נימ נאָר אינדיווידועל, נאָר ווינ קאָלעקטיוו (בעציבור) האָט זיך דער אוילאָם „געדרייט".

סמאָליאַן, לעמאשל, (א שטעטל אין אָרשער אויעזד, איצ־ טער וויטעבסקער גוב.) האט גליינך פון דעם ערשטן טאָג אָן ער־ קלערט „ניטראַליטעט" און האָט געוועהען האַלטן וואָרט בינן סאָף..

---

*) בראשית מ"ו, 26.

און סיראָטנאַ (אויך אין וויטעבסקער גוב. פּאָלאָצקער אוי־יעזד) האט נאָך קליגער געטאָן:

מאבילִיזאַציעס פלעגן פּאָרקמען געגענדן־ווייז: אין איינעגע ערטער פריער און אין אַנדערע שפּעטער. מערסטנ־טיילס פלעגט מען „אָף שפּעטער" צילב פּאַרשייזענע מאָינים לאָזן — סיביר און קאַווקאַז

און אין די מעלדונגען אַף די ווענט, אין יעדנע עס פלעגט שטיין שוואַרץ אף וויס:

На основании Высочайшего распоряжения объявляется мобилизация таких то возрастов во всех местностях Империи, кроме Сибири и Кавказа. *)

פלעגט סיראָטינע מיט דער אייגענער האַנט מויסף זיין (צושרייבן)

и Сиротина

און.. בערדישעוו (אָפן, לעגאַל, בעפּומבי) אף דעם סעמעך בלייבן זיצן אין דערהיים...

דעם „אוריאַדניק", פארשטייט זיך, האָט מען „יואָכער" געצאָלט — און מיצאַד „נאַטשאַלסטוואָ" האט מען געקענט זיצן רוהיג (איז די זאַך געווען קאָשער).

---

*) אפן גרונד פון אלערהעכסטן פאראָרדענונג ווערט ערקלערט א מאָבי־ליזאַציע פון די און די יאָרן אין אלע געגנדן פון דער אימפעריע, חוץ סיביר און קאַווקאַז.

פון יעסער-בעזקאָכ יועגן (צוליב מער זיכערקייט) האָט נאָך יעדער סי-
ראָטינער בא זיך

אַנ׳אופּראַװע געעפנט,

װיאו ער פלעגט פון צייט צו צייט, אף
„האַלעװאַי ,זאָל מען ניט דארפן״ א געהעריקע „קסיװע„
באַקומען. ״)

מיט אַזאַ „קסיװע״ אבער האָט זיך אַ סיראָטינער אַמאָל אריינגעכאַפּט גלייך צום „סטאַנאָװאָי״ אין די לאַפּעס אריין. . .

— יעהודי, באַ דיר איז דאָך א פאַלשער פּאַס.

— זאָלט איר מיר געזונט זיין, פּאָרעץ-לעבן. װאָס רעדט איר, װאָס? דער פּאַס איז דאָך אַנ׳עמעסער אַ קאָשערער! דאָס בין איך.. ניט איך..

״) מיט די פּאַספּאָרטן איז דאמאָלסט „אַ גאנצער אייסעק״ געװען. אָט קריגט מען אַ פּאַס „אַ קאָשערן״, פון אנ׳עמעסער אופּראַװע, אַף װעלכן מ׳קען דאַכט זיך, זיצן זיכער און רוהיג, און אט רוקט זיך אונטער „א שפּאָגל נייאינקע„ מאָבּיליזאציע און פּאַרכאַפּט אָדער דעם יאָר אָדער די קאַ-טעגאָריע (בלאָע, לעמאָשל ביליעטן, אָדער װייסע) .. — און דער פּאַס װערט שוין פּאָסל.

מ׳ פלעגט לאָכן:

יעדער איר דאַרף האָבן אַ גאַ־ייגענע אופּראַװע (װאו ער זאָל קענען געמען פּאַספּאָרטן נאָכאַנאַנד) — אופּאַװיעס קאַזיאָנע קענען אזאַ אָנפראַג; אַף פּאַספּאָרטן ניט אויסהאַלטן...

און פון דאַמאלסט אָן פלעגן סיראָטינער מיט אזוינע פעסער

„לאָטטשיקעס"

ויערן, ד. ה.

אָפּרוקן זיך אַף אַ ווײַלע

ערגעץ ווייטער פון שטעטל, וואו

דו קענסט מיך ניט,

און איך קען דיך ניט.

דעם ערשטן מאָביליזאַציע־פּאַכאַד האָבן

„די זאַפּאַסנע"

איבערגעלעבט. דער איבעריקער אוילאָם איז זיך געשטאַנען אָן א זייט און זיך פּראַקטיקע געלערנט.

ביסלעכווייז אָבער האָבן זיך אין רעדל אויך אנדערע קאַטעגאָריעס אריינגעדרייט.

טכילאַס האָט

אייסאָוו אַ זאָג געטאָן: הלעיטני ואָ מן האדם, האדם *)

און

די „רויטע" האָבן געטאַנצט דעם טאַנץ **)

---

*) גיב פון די רויטע.

**) די רויטע ביליעטן, ראַטניקעס פון ערשטער מאַדרייגע.

דערנאָך, אַז

ביי פּאָניען זיינען די געשעפטן געוואָרן בלאָ,

האָט מען

די «בלאָע» אופגעריפן, *)

דערנאָך איז

צי די ווייסע דערגאַנגען, **)

צו די

„ראַזניקעס״ (רויטע און בלאָע בילעטן)

האָט זיך דער אוילעם געטאָכמעט;

אויב אזוי, איז שוין בעסער אַ הערינג איידער אַ

ראַטניק! ***)

צו די ווייסע —

אַזאַ יאָר אף פּאָניען, ס'אַר אַ סאָלדאַט דאָס איז..

שטאַרק געלאָפן איז קיינער ניט

וואָס טוער מיר טאָן, פּאָניע?

ער׳ט מיך עפּשער דערפאַר אף מילכאָמע ניט נעמען?

*) בלאָע בילעטן; ראטניקעס פון צווייטער מאַדרייגע.

**) ווייסע בילעטן; די וועלכע זיינען אין זייער צייט, צום פריזיוו, גע-
וועזן פאַרבראַקירט אין גאַנצן.

***) „ראַטניקעס״ רופט מען בא אונז אָן אַ פּיאַטזן סאָרט הערינג.

נאָר דאָך — „אייסעק" איז געווען..

טראַגישער פֿון אַלעמען איז געווען די לאגע פון די ווייסע.

די גאַנצע צייט זיינען זיי געזעסן רוהיג:

האַלעוואַי זאָל שוין מיט פּאָניען האַלטן, אז ער זאָל דאַרפֿן אָנקומען צו מיר.

געבעטן האָבן זיי דאָס אף א געלעבטער און אויסגעלאָזן האט זיך דאָס אבער אף אנ,עמעס.

בוז דער לעצטער מינוט האָבן זיי געבעטן ניט געגלויבט אַז מי מיינט זיי ערנסט..

וואס זאָגסטו אַפן גלייכוואָרט? מי האָט דאָך צוגענומען מיין כאַימען.

דערפאר זָבער פלעגט זיך. אָט ער כאַאים נויקעם זיין אָן „כראָבּ," ווי ער האָט נאָר געקענט:

אַז אָך-און-ווי איז שוין צו פּאָניען, אַז ניקאָלאַי איז באַ אים דער גיִאַוונא קאָמאַנדויושצי און איך בין דאָס דער „טשורא-באָהאַטיר".

דעם ביטאָכן אבער פלעגט אַ איד צַפּילע באַ מאָביליזאַציעס ניט פאַרלירן...

מאָביליזאַציעס! פּכע! וואָס איז פאַראנען וואָס מוירע צו האָבן פאַר מאָביליזאַציעס!

אָדנאַ איז דוואויך (Одно из двух)

איינס פון די ביידע) אָדער זי וועט פּאַרקומען, די מאָבּיליזאַציע,
הייסט עס, אָדער ניט.

און אויב זי וועט ניט פּאַרקומען — איז דאָך
אַוואַדע גוט!

עלאָ וואָס דען? טאָמער קומט זי, הייסט דאָס יע פּאָר?
איז דאָך ווייטער אָדנאָ איז דוואויך:
אָדער זי וועט פּאַרכאַפּן אונזער געגנד, אָדער ניט
וועט זי ניט פּאַרכאַפּן, האָסטו דאָך גע-
וויס גיט וואָס מורע צו האָבן!

נאָר וואָס? טאָמער פּאַרכאַפּט זי יע?
איז אָך ווידער, אָדנאָ איז דוואויך:
אָדער מע מאָבּיליזירט דײַנע יאָרן אָדער ניט.
מאָבּיליזירט מען ניט — ביזט דאָך געוויס
אָפּן־פּוס, נאָר וואָס, הייסט דאָס? טאָמער מאָבּיליזירט מען יע?

איז דאָך אָבער אַמאָל, אָדנאָ איז דוואויך:
אָדער מע נעמט דיך צו, אָדער מע פּאַרבראַקירט דיך.
און אויב מע וועט דיך פּאַרבראַקירן, איז
דאָך געוויס גוט!

נאָר וואָס? טאָמער הייסט יאָ, גיט מען דיך אָפּ?

איז דאָך ווידער די מאַיסע, אָדנאָ איז דוואון:

אָדער אין סטראָי, אָדער ניט אין סטראָי.

— גיט מען זיך אָפּ נ י ט א י ן ס ט ר אָ י, איז דאָך ג אָ ר ג ע ה ו י ב ן!

נאָר וואָס? טאָמער אין סטראָי?

איז דאָך נאָך אַמאָל, אָדנאָ איז דוואון:

אָדער מע שיקט דיך אַוועק אויפן פראָנט, אָדער דו בלייבסט ערגעץ דאָ וואו עס איז.

אין ווען זיך דיר איינגעבן צו פאַרהאַלטן דיך דאָ וואו עס איז—האָסטו דאָך געוויס צו גאָט קיין טײנעס ניט!

נאָר וואָס? טאָמער שיקט מען דיך ט אַ ק ע א וו ע ק?

איז דאָך ווײטער די אייגענע, אָדנאָ איז דוואון:

אָדער דו כאַפּסט זיך אַריין אין רעכטן פייער, אָדער דו בלייבסט אין טיל.

אין אויב דו שטעלסט זיך אָפּ אין טיל—איז דאָך וואויל ווי די וועלט.

נאָר וואָס, טאָמער כאַפּסט זיך אַריין אין רעכטן פייער?

איז דאָך אָבער אַמאָל, אָדנאָ איז דוואון:

אָדער דו בלייבסט גאַנץ, אָדער דו ווערסט פאַרוואונדעט.

— בלייבסטו גאַנץ — איז וואָס פעלט דיר?

וואָס דען? טאָמער ווערסטו טאַקע פאַרוואונדעט?
איז דאָך ווידער אָדנאָ איז דוואוך:
אָדער גרינג, אָדער שווער.
— איז אויב גרינג, איז דאָך געוויס גוט.
נאָר וואָס? טאָמער שווער?
איז דאָך נאָך אַמאָל, אָינאָ אַז דוואוך:
אָדער מע קלייבט דיך אונטער, אָ־ער דו בלייבסט ליגן אַפּן שלאַכט-פעלד.
— איז ווען 'מע קלייבט דיך אונטער, איז דאָך אַיוואַ־ע גוט, נאָר וואָס דען? טאָמער בלייבסטו ליגן אַפּן פעלד? איז דאָך ווייטער, אָדנא איז דוואוך:
אָדער מי באַגראָבט דיך באַזונדער, צי צווישן אידן, אָדער אין אַנ׳אַלגעמיינעם קייווער.
— איז אויב באַזונדער, צי צווישן אידן, איז דאָך גוט!
נאָר וואָס? אויב אין אַנ׳אַלגעמיינעם קייווער, זאָגסטו צווישן גויאים?.. און מי שטעלט נאָך אַוועק אַ ציילים פין איבן? האַ? אָט יעמאָלט.. איז טאַקע, ברודערל, ניט גוט...
נאָר וואָז?.. ווען וועט דאָס זיין?.. ווי וועט דאָס קומען צו?.. עס איז דאָך אַ גאַנצער מאַהאַלעך!..

ג) פראנט.

ניט קוקנדיק, וואָס מ'איז געגאַנגען אָהן כּישעק, און געדרייט זיך אַף יזאָס די וועלט שטייט האָבן זיך אין דער אַרמיי זאָך אַריינגעכאַפּט איבער 400.000 אידן.

אידן פּלעגן זיי רופן —

דאָבראָוואָלצעס (פּריוויליגע): זיי האָבן, מיסטאָמע, אַליין געוואָלט גיין, וואָרום ייען זיי וואָלטן מאַקע ניט געוועלט, וואָלטן זיי ניט געגאַנגען...*)

אף מילכאָמע האָבן אַפּולע פון די אידן אויסגעצייכנט זיך מיט זייער העלדישקייט, זייער פיל האָבן געקראָגן

„געאָרגיעס“ **)

נאָר דאָך האָבן אידן ליב געהאַט אָפּצולעצעווען אביסל פון די

„אידישע וואָיאַקעס“

---

*) א גלייכווערטל גייט בא אידן:

אַ איד, אַז ער שפּאַרט זיך איין, פירט ער אויס!

— אַז עס טרעפט דאָך אָבער, אַז ער פירט אַמאָל ניט אויס אויך?

— האָט ער זיך, מיסטאָמע, ניט גוט איינגעשפּאַרט...

**) מ'ני דאַרף נאָך נעמען אין אַכט, אַז פאַר א אידן צו קריגן א „געאָרגי“ איז געווען פיל שווערער איידער ניט פאַר א אידן, צוליב דער אויסשליסליכער סינע, וועלכע מ'האָט געהאַט צו אידן אַפן פראָנט.

מי פלעגט דערציילן:

אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע זיינען עט-
לעכע מיניאָנים אידן געקומען צום „וואָאינסקן”:
„מיר ווילן פרייוויליג גיין פאַרטיי-
דיקן די פאָטערלאַנד”.

דער וואָאינסקער איז נישטוימעם געוואָרן פון אזאַ פאַט-
ריאָטיזם..

ער האָט זיי גאנץ פיין אָפּגעדאַנקט, געהאַלטן פאַר זיי אַ הייסע רעדע, אַז די מגלוכע וועט דאָס אידן קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז קענטק, אַז די מאַקאַבייער בלוט האָט נאָך אין די אידישע אָדערן ניט אויסגעטריקנט א. א. וו. א. א. וו. דערנאָך האָט ער געהייסן א „ווזיואָ־נעם” ער זאָל „אויסטראָיען” די כעוורע און אַ־ועקפּירן אין קאַזאַרמע.

דער ווזוואָדנער האָט זיי אויסגעסטראָיעט, האָט אַ קאָ-
מאַנדעווע געטאָן: Шагом марш! און די אידן.. ניט פון אָרט...

דער וואָאינסקער האָט פאַרשטאַנען, אַז די אידן ווילן, מיסטאָמע, עפּעס זאָגן וואָס, איז ער צו זיי נאָכאַמאָל אַרויס-
געגאַנגען און האָט זיך געווענדעט צו זיי: נו, קינדער, זאָגט וואָס ווילט איר?

Ваше Высокоблагородие, пошлите пару солдатиков прогнать вон там собаку, а то она нас укусит...

אין נאָך דערציילט מען:

א אידישער ראַזוויעדטשיק האָט אַמאָל געבראַכט דעם ראָטנעם זײַנעם א ראַפּאָרט:

קאַוואלעריע און אַרטילעריע וועט נאך ווי עס איז דאָרטן דורכגיין, „פּיעכאָטע" — בעשום אופן ניט!

— פאַרוואָס?

— ווייל דאָרטן זײַנען הינט גרויסע...

אין געשלעג פלעגט א יעהודי כווער זיין אַרויסצושלעפּן.

פארן אָנגריף אף לוואָוו איז געקומען דער ראָטנער אין לאַזאַרעט, וואו צווישן אַנדערע איז אויך אַ פארוואונדעטער איד געלעגן:

Хаим, выписывайся: надо наступать на Львов !

— Наступайте хоть на тигров, а меня оставьте в покое...

נאָר פלעגט מען אים שוין אַרײַנשלעפּן, פלעגט ער באַ־רויזן „גוואורעס".

מיט איין קלאַפּ, האט זיך געריימט אמאָל א איד, האָב איך אָפּגעהאַקט אַ דייטש ביידע פיס!

— פארוואָס האסטו שוין בעסער דיקאָפּ ניט אָפּגעהאַקט?

— ווייל איך האָב אים שוין געפונען אהן א קאָפּ.

וואס פרעגן זיי טאָן, די פריווילעגיע, אפי פראָנט:

איין, דערציילט מען׳ פלעגן זיצן אין די אָקאָפּעס אין שמירן זיך די פעגימער מיט קרייד.

— וואָס טוט איר דאָס?

С мелом (Смелым) бог владеет...

נאך א געשלעג פלעגן זיי לינן פארטרייסלטע און פלעגן זיך דירפוואר׳ן

איינער מיט דעם אנדערן:

Хаим. жив?

— Жив! А ты?

Еще ни жвесно!. "

אף וואָס האָבן געדופעט (אַרויסגעקיקט, געהאָפּט) אט די אַלע דאָבראָוואָלצעס?

נאָך אין דער יאַפּאָנישער מילכאָמע זיינען אין אַ עשאַלאָן דערציילט מען, געפאָרן אויך עטלעכע אידן אַפן וויסן מיזרעך.

די גאַנצע וועג ליגט מען אַף די נאַרעס און — אָדער „מ׳קורקעט" (מ׳רייכערט) אָדער מ׳שלאָפט. געקומען נעהענטער צום פראָנט — וועקט איין איד דעם אַנדערן:

„) כאַאים, דו לעבסט?

— יע! און דו?

— איך ווייס נאָך ניט דערוויילן!

„זאָרעך, שטיי אויף: מאַנדזשוריע!

— האַ? האַ? מאַנדזשוריע?

A где тут плен? *)

אָט איז דעם זעלבן „פּלען“, לאַכט מען, האָבן אידן אויך דאָ גע־האַפּט..

איך יעדער סטאַנציע פלעגט זיך דער אוילעם נאָכפרעגן:

A мы тут плен уже проехали? **)

און פּלעגט זיך ווער אַרייַנכאַפּן און געפּענקעניש פּלעגט די מאַמע דאַנקען דעם ריבוינע־שעל־אוילאָם:

Слава богу, мой сын пропал без вести… ***)

און א אידן אין פּלען נעמען איז געווען פון די גרינגסטע זאַכן. אַפּילע ווער ניט האָט ניט געוועלט.

ניִדערצייטונג..

אין דער יאַפּאַנישער מילכאָמע האָבן זיך צונויפגע־

---

*) וואו איז דאָ דער „פּלען“? וואו, הייסט דאָס, נעמט מען דאָ געפאַנגען?

**) מיר זיינען שוין פאַרבייגעפאָרן דעם אָרט, וואו מי נעמט אין „פּלען“? וואו מי נעמט געפאַנגען?

***) געלויבט איז דער אויבערשטער: מיין זון איז פאַרפאַלן געוואָרן אָן א יעדיע (פאַרפאַלן געוואָרן אָן אַ יעדיע — האָט געהייסן אויפן לאָשן פון די שטאַבס־טעלעגראַמעס - אריינגעפאַלן אין פּלען).

כאַפּט אין א האַנט-געפּעקט א יאַפּאַנער מיט אַ איד־ן. זיי האָבן שוין צוּבראָכן די שאַשקעס זייערע און געכאַפּט זיך פאַר די רעוואָלווערן.

דער יאַפּאָנער האָט גענומען פּילן, אַז דער איד איז גוויווער:

— ווייסטו וואָס? האָט ער אַ געשריי געטאָן, פאַרקויף מיר גאָר דיין רעיאָלוועַר!

— וויפל גיסטו?

— ווייז אַ קוק טאָן!

דער איד האָט דערלאַנגט דעם יאַפּאַנער דעם רעוואָלווער זייַנעם.

— נו, איצטער, ברוּ־ערל, זיי קאָרשט אַזוי גוט און קום אין פלען.

און נאָך דערציילט מען:

א דייטש האָט אַמאָל גאַנצע 5 אידן געפּאַקט.

אז ער האָט זיי געבראַכט צופירן אין לאַגער האָט דאָרטן „בעווּרע״ פון זיי אויסגעשאָסן א געלעכטער:

— ווי האָט דאָס איינער גענומען אייך זאַלבע פינפט?

А чем же мы виноваты, когда он нас окружил? *)

ניט אלע פונדעסטוועגן זיינען מיטן פלען צופרידן געווען.

אײנער אַ יעהודי, אַרײנגפאַלנדיק אין פלען, האָט זיך מאַמעש קיין אָרט ניט געפונען: ער האָט געוויינט, געקלאָגט, געריסן זיך די האָר אַפן קאָפּ...

די דייטשן האָבן ניט געקענט צוקוקן דעם ראַכמאָנעס פון עם און האָבן אים פאָרגעלעגט, אַז, אויב ער וויל, קענען זיי אים אומבייטן אף זייערן א געפאַנגענעם.

ע, זאָל שוין זיין בעסער ניט! געכאַפּט איז געכאַפּט.. האט זיי וויינענדיק אָפּגעזאָגט דער איד.

אַפן פראָנט איז זיך דער איד געבליבן דער זעלבער „מאַשעניק", דער זעלבער „קיסלער" ווי אין דערהיים...

א פאַרוואונדעטער איד האָט איינגעבעטן אַ סאַניטאַר, ער זאָל אים אַרויסטראָגן פון שלאַכט-פעלד. אַפן וועג האָט א „סנאַ-ריאַד" אָפּגעריסן דעם אידן די קאָפּ. דער סאַניטאַר האָט דאָס ניט באַמערקט און טראָגט אים ווייטער.. באַגעגנט אים נאָך א סאַניטאַר:

וואָס טראָגסטו עפּעס אַ מענשן אָן אַ קאָפּ?

דער סאַניטאַר האָט זיך אומגעקערט און אַ קוק געטאָן:

*) וואָס זיינען מיר שולדיק אַז ער האָט אונז אַרומגערינגלט?

Эх, жидовская морда! и тут обманул: сказал, что только ранен, ан — без головы!...“[1]

אף אידן פלעגט דער ריבײַנע־שעל־אוּלעם אַ באַזונדער האַשגאָכע געבן:

דער שטאַב אונזערער, בײַשעד-זײַענדיק, אַז יעהוּיִים באַהאַלטן זיך אין „טיל“, האָט פאַראָרדנט אַז מ׳ זאָל אַרויסציִען אַלע אידן פון אומעטום און אַוועקשיקן זיי אַף די פאָדערשטע פאָזיציעס.

וואָס טוט גאָט?

נעמט דער דײַטש און גײַט אונז אַרום פון טיל.

ווי שיקט זיך דאָס פאַרט וואָס אַזוי פיל אידן האָבן געאָרגיעס געקראָגן און געוועזן באַצײַכנט אַפילע פון אונזער אַנטיסימיטישן קאָמאַנד-באַשטאַנד?

אף דערוף גיבן אידן אזא טערעץ:

א ראָטנער האָט אמאָל א פרעג געטאָן באַ א אידישן געאָרגי-קאַוואַלער:

— זאָג מיר, ברודערל, פון וואַנען האָסטו דאָס אַזוי פיל ציילעכס (געאָרגיעס)? ווי באַווײַזטו דאָס צו קריגן זיי אַזוי אָפט?

— פאַרשטײט איר מיך, וואַשע בלאַגאָראָדיע, איך האָב אָפּגעמאַכט מיט עטלעכע אויסטרײַכישע אידן:

איך גיב זיי איבער אונזערע אַ „זנאַמיאַ“, און זיי גיבן מיר דערפאַר אַזעלכע זײַערע, קריג איך דאָ אַ געאָרגי, און זיי דאָרטן...

[1] „אָט איז אַ איד! אַפילע דאָ אַפן שלאַכט פעלד האָט ער איך איינגענאַרט: ער׳ט געזאָגט, אַז ער איז נאָר פארוואונדעט, ערשט ער איז גאָר אָן אַ קאָפּ.

וואָס עמעס איז אָבער עמעס:

א „בייט" פלעגט מאַכן פאָרקימען צווישן ראָסייער אידן מיט עסטרייכישע, אָבער גאר פון אַנאַנדער מין:

Обменять на рану—рану...“

ווי פּישקין רופט דאָס אַן׳ דאָס פלעגט זאָגט מען, יאָ אויסקומען ווען ביט ווען...

דאָס איז שוין געווען א ספּעציעל אידישע טראַגעדיע, וואס אַרבעטענדע ברידער פון איין פאלק האבן געדאַרפט גיין איינער אנטקעגן דעם אנדערן ניט וויסנדיק פאַר וואָס און פאר ווען.

אפן באָרן פון דער טראַגעדיע זיינען געגאַנגען לעגענדעס, וועלכע זיינען געשאפן געוואָרן נאָך אין דער צייט פון דער טער-קישער קריג. נאר זיינען דאָ אפגעפרישט געוואָרן פון דאס ניי.

מ׳פלעגט דערציילן, למשל, אז

אין פסיכיאטרישן שפיטאל ליגט א אידישער סאלדאט, וועלכער איז משוגע געוואָרן אט פון וואס:

ער האט אין א האנט געפעכט (в рукопашном бою)

מיט די עסטרייכער דערלאנגט זייערן א סאלדאט מיטן „שטיק" אין יענער האט פאלנדיק א געשריי געטאן:

שמע ישראל! (שמא־איסראעל!)

”) ביטן א וואונד אף א וואונד.

גיירושים און אידישע צאָרעס.

א כוץ דעם, וואָס אידן האָבן געטראָגן דעם יאָך פון דער מילכאָמע ניט ווייניגער, אויב ניט מער פון אַנדערע, אבוץ דעם אויך וואָס דער גאַנצער פלאצדאַרם (דער מילכאָמע פלאַץ) האט זיך געפונען אין די גרעניצן פון דעם אידישן טכום, וועלכער איז אַך אינגאַנצן רואינירט געוואָרן ביזן סאָף — איז נאָך אידן אויסגעקומען אויסצושטיין באַזונדערע צאָרעס, שוין ספּעציפיש אידישע.

דער קאָמאנדיר-באַשטאַנד פון דער רוסישער אַרמיי האָט אַרומגעפּלאָנטערט אידן מיט אזאַ נעץ פון כאַשאַד, בילבולים און סינע, אַז עס איז פּאָשעט אוממעגלעך געווען צו לעבן.

די שפּעטערדיקע געשיכטע וועט אופדעקן וויפל אידן עס זיינען צוגאַנגען געוואָרן אומזיסט און אומנישט דורך די „העלדישע" רוסישע קאָמאַנדירן.

מאַיסעס ניט בעשטויגענע און ניט געפלויגענע, ווי למשל, אַז

אידן באַהאַלטן גאַנצע דייטשע עסקאַדראָנעס באַ זיך אין די קעלערס (מייסע קושי);

אַז

אין די בערד אין זייערע אין די קודלצוואַטע בראָגן זיי טעלעפאָנעס, דורך וועלכע זיי גיבן איבער דעם דייטש פּאַרשיידענע ידיעס;

און

זיי באַגראָבן אַפן בייס-אײלאָם בא זיך די גאַנצע גאָלד און זילבער פון לאַנד;

און

אין געגנזע „אָבּדירקעס" (אין אָפּגעשונדענע געגנז) שיקן זיי אריבער די גאַנצע געלט אונזערע אין דייטשלאַנד

און נאָך, און נאָך...

פלעגן פאַרשפּרייט ווערן דורך די אָפיציעלע בלעטער אונזערע און פלעגן קולטיווירן דעם האַס צו אידן, וועלכער איז אָן דעם אויך געווען גאַנץ שטאַרק.

די רעגירונג האָט זיך געפּילט היבש שולדיק אין די .צאַ-רעס אַרום, און האָט באַצייטנס געזעהן צוציגרייטן א „סאַאיר לאַאזאָזל" (א קאַ-פּאָרע הענדל") אף וועמען אָרופּצוּוואַרפן דעם פאָלקס-צאָרן וועלכער וועט דאָך מוזן אויסברעכן פאַר דער אונערהערטער שביטע אין מאַפּאָלעס אָן א ברעג...

צו אידן האָט מען זיך געבונדן אַ חיי-ער שרים און טריט...

אין אַ קליינשטעטל האָט אַ איד געהאַלטן א „בילאָטשנע" (א בעקעריי) אונטערן נאָמען:

Немецкая булочная ")

") אַ דייטשישע בעקעריי.

ווי נאָר עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע קומט צו אים צוגיין דער פּריסטעוו:

„Немецкую" — замарай! *)

דער איד האָט איבערגעמאַכט

Немецкая на Варшавская

געפאַלן וואַרשע — קומט ווידער דער פּריסטעוו:

„Варшавскую" — замарай!

דער איד האָט איבערגעמאַכט אויף

Ковенская

געפאַלן קאָווגע — ווייטער:

Замарай!

דער איד האָט איבערגעמאַכט אויף

Виленская.

דערנאָך אויף

Двинская.

ביז וואַנען ער איז סוף כל סוף צוגעשטאַנען.

און עס איז געפאַלן דווינסק, קומט ווייטער דער פּריסטעוו:

„Двинскую" — замарай!

*) דעם יאָרס „דייטשישע" פאַרשמיר.

— גוואַלד, פריסטאַוול, איך האָב שוין מער קיין קויאַך ניט איבערצומאַכן!

Молчи, жидовская морда! Ты еще будешь у меня разговаривать!! Тысячу раз переделаешь!.. ")

גלייך נאָך דעם ערשטן שאָס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעדרע פון עוואַקואַציעס און „וויסעלעניעס". (""

אידן, אַלס א פארדעכטיגן עלעמענט פלעגט מען אין עטלעכע שאָ „צוגעמען„ פון פראָנט-פאַס...

דעם סייבעל פון עוואַקואַציע האָבן אידן אַ ה ן ז יי ע ר ה אָ ט ן פויסער געוועז:

פאר וואָס הייסט מען עפעס אָ פ ט ר ע ט ן דער אידישער באַפעלקערונג פון דעם פראָנט-פאַס?

— ווייל אירן זיינען דאָך א „מאמלעכעס קויהאָנים„ א היילינע-פאָלק, א קויהעגים-פאָלק, טאָרן זיי זיך ניט געפינען דאָרטן וואו פאַניע איז גויסעס. """)

") שווייג, זשידאָווסקע מאָרדע! דו ביסט נאך בײַ מיר ריידן! טויזנט מאָל וועסטו בײַ מיר איבערמאַכן!..

"" וויסעלעניעס האָט מען ניט געטאָרט זאָגן; די ווייסעלענצעס האָט מען געמוזט רופן: ביעזשענצעס.

""") אַ קויהען טאָר זיך ניט געפינען בײַ יעציאַס-האַנעפעש, דאָרט וואו אַ מענטש שטאַרבט..

מ׳פלעגט נאך צוגעבן:

פאַר וואָס עפּעס גריבט מען מער גישט אז
אידן ארויס?

פאַרוואָס? דוסט געזען וואָס אַ באַלעבאָס ראטעוועט
צום ערשטן פון א סרייפע? די טייערסטע זאַכן:
גאָלד און זילבער?

ראטעוועט אויך גאָט פון פייער צום
ערשטן די אידן?

היימלאָזע פלעגן פון זיך אליין ביטער לאכן!

נאָך ווייניק וואָס מיר האָבן צאָרעס, דאַרפן מיר נאָך זיין
מיט אַ צונעמעניש:

„Беженец“

די ערשטע צייטן פלעגט מען אָט די ביעזשענצעס צונעמען ניט גאָר
פריינדלעך, אַ ביעזשעניץ האָט מען געהאַלטן פאַר אַ באזונדער באשעפעניש.

אָן גייען 2 אידן מיט אַ ביעזשעניעץ

נאָר ביסלעכווייז האָט זיך דאָס דורכגעריבן.

סיבעס פון אזא באַגעגעניש זיינען פאַרשידענע געווען: מערסטנטיילס
מאַטעריעל-עקאָנאָמישע, נאר אַ געוויסע ראָליע האָט געשפּילט אויך דאָס, וואָס
א ביעזשעניעץ איז געווען א „פּ אָ נ י ם-כ אַ ד אָ ש ו י ס“ (א נייער
באַן), וועד ווייס אימז וועד קאָן אימז און צווישן זיי האָבן זיך געפונען
ביעזשענצעס גאָר פון אַן אַנדער סאָרט:

קאַטאַרינסלאַייער!

אין איבער די קאַטארינסלאַוער האָבן נעבעך געליטן איך די איבעריגע.

ווער זיינען זיי געווען אָט די קאַטערינסלאַויער?

איינער פון זיי

א ביעוסענעץ האָט זיך אַמאָל אריינגעכאַפּט נ י ט. א י ן א ש ייכער זאַך.

— יוער ביזטי?

— א ביעזשענעץ!

— פון וואַנען?

— פון קאַטאַרינסלאַוו!

— ו אָ ס ה ייסט פון קאַטאַרינסלאַוו? פון קאַטערינ-סלאַוו ל ו י פ ט מ ען ד אָ ך ג אָ ר נ י ט?

— איך האָב אָבער ג ע מ ו ז ט לויפן, ווייל איך האָב דאָרטן פאַרכאַפּט די געלט אין קאַסע...

אַרויסזעצן פלעגט מען די ביעזשענצעס.

„פאָ וואָיענעמו!"

אין עשלעבע שאַ מיט האַק און פאַק...

די האָב און גוטס פלעגט מען ו ו א ר פ ן א פ ן אָ ר ט און פאַרכאַפּן מיט זיך פלעגט מען מער נישט אז דעם נעפּעש מיט די גרינגע זאַכן (מעטאַלטעליב.

נים אידן פלעגן מערסטנטיילס פאַרבלייבן אה די ערטער איבערהויפּט די י, וועלכע האַבן אַרויסגעקוקט אפן דייטש...

די פאַרבליבענע פלעגן פונדעסטוועגן פון זיבעקריס ויעגן, וייער האָב און גוטס פארגראָבן אין דער ערד.

מיר דערציילט:

באַ אַ פוילישן פּאָריעץ האָט געוואוינט א איד אַן אַרענ־דאַטאָר.

דערזעט אַמאָל דער איד, ווי באַם פּאָריעץ אפן הויף פאַר־גראָבט מען אין א גרוב די גאַנצע זילבער און גאָלד.

דער איד איז טייקעף אַוועק צו זיך און האָט אויך גע־נומען גראָבן אַ גרוב אַפן הויף.

האָט דאָס באַמערקט דער פּאָריעץ און האָט באַ איב אַ פרעג געטאָן:

אַף וואָס ג ר אָ ב ס ו אַ גרוב! דו ה אָ ס ט ד אָ ך ג אָ ר נ י ש ט וו אָ ס צ ו ב אַ ה אַ ל ט ן א י ן א י ר ?..

А почем Вы знаете, паночек ")

עפשער איז מיר די ווייב מיינע אַזוי טייער, ווי אייך אייערע גאָלד און זילבער?..

צ ע נ ז ו ר.

פון דעם ערשטן טאָג פון מילכאָמע אָן האָט מען איינגעפירט די שטרייננ־סטע ק ר י ג ס־צע נ ז ו ר אַף קאָרעספּאָנדענץ און דרוקזאַכן. אַף אידיש

") פון וואַנען ווייסט איר, פּאָרעצל?

• ווייַדן האָט מען פּאַרוואָרט, קיין אידישע בריוו פלעגט מען ניט דורכ־לאָזן.

כ׳פאַרשטייט זיך, אז בענייגייע צו אידן איז דאָס אויסגעקומען:

צוגענומען פון דער קאַץ די לייטער...

אידן האבן זיך ווי עס איז אנ/אייצע געגעבן...

רייַדן אף טאַרגים־לשון איז פאַר א אידן קיינמאָל ניט געווען קיין נאָוועגע אין כאַפּן זיך אף אויבער־סייכל דאָס איז בא זיי אַלע מאָל פון די גרינגסטע זאַכן.

מ׳דערציילט:

אין דער טערקישער קריג איז אין אַ צייטונג געווען גע־דרוקט א מייסעלע וועגן דעם, ווי דער אָדלער אין הימל איז ברויגעז געוואָרן אף דער לעיואָנע אין האָט בא איר אויסגעפּיקט 2000 שטערן; איז אָבער די לעוואָנע דערפאַר אָנגעפאַלן אמאָל אפן אָדלער און האָט בא אים אַלע פעדערן פון איין פליגל אויסגעפליקט, איבער 100 טויזנט פעדערן...

באַטייטן האָט דאָס געדאַרפט אַז רוסלאַנד (דער צווייקעפּיקער אָדלער) האָט ביים טערק (די האַלבע לעיואָנע) 2000 מענטשן אַני־דערגעלייגט, טערק אָבער האָט דערפאַר צוקלאַפּט א גאַנצן פלאַנג פון דער רוסישער אַרמיי, גאנצע 100 טויזנט מאַן...

אין דער מילכאָמע מיטן יאַפּאָנער פלעגט מען איבער־געבן גאנצע מאיסעס, ווי

«דער פּעטער פיניע פּאַטשט די מומע רייזע» *)
און צענזור האָט זיך בעשום אויפן ניט געקענט כאַפּן אַז
דער פעטער פיניע דאָס איז — יאַפּאַניע און די מומע רייזע —
דאָס איז ראַסיי...

אידן האָבן זיך אויך דאָ איינגעקערט.

פון פראָנט, לעמאָשל, פלעגט ניט פּאַסן אויסצוזאָגן דעם
ביטערן עמעס. פאר אזא מאַיסע ווען מען וואָלט געפּאַקט,
וואָלט מען געקענט

מאַכן מיט אַ קאָפּ נידעריקער...

וואָס טוט גאָט? פלעגט א אידל פון פראָנט אַרויסשרייבן
די גרעסטע „גוואורעס פון יורקסן", אז מיר נעמען
אַ שטייגער, א שטאָט נאָך אַ שטאָט, אַז אונ-
זער אַרטילעריע טוט זיי אָן די גרעסטע צאָרעס
אין זייערע טויג אף פייער, אז בא אונז
איז אלץ פראנען און בייזי איז „מאַקעס
מיט ראַקעס" א. א. וו. א. א. וו.

באַסמענען פלעגט ער זיך מערנישט:

Хаим Фаркерт

אָדער

А. Гейпэх.

*) שאָלעם-אַליינעם האט א גאַנצן ביכעלע אף דער טעמע אנגעשריבן...

צענזור פלעגט אי „פּאַרקערט״ אי „הײַפּעך״ אָננעמען פאר פאַמיליעס אַזוינע און האָט אנגעקייאָלן פון נאַכעס..

איינער האָט אַרומגעשריבן די ביטערע לאַגע, נעבעך, פון בויאַזעס פרוי מיט אלע קלעפּ, וואָס זי קריגט פון די שכיינים פון אירע פּאַר אַרע ניט מענטשנשאַפט א. א. וו.

גיי זיי אַ לאַמון און כאַפּ זיך, אז בויאַזעס פרוי האָט מען גערופן

רוס (רות)

און נאָך איינער, לעמאָשל, האַט אין א בריוו אַרומגע־שריבן די ביטערע לאַגע פון דעם שווער פון זיינעם, מיט די אַלע צאָרעס, וועלכע עס קומט אים אויס אויסצושטיין פון אַלע זייטן.

ווער וואָלט זיך זאָס געקענט כאַפּן, אז דער שווער איז — ניקאָלאַי, (מיט וועלכן, ווי געזאָגט, טוט א שידעך יעדער אידישער כאָלדאַט).

פון לאָדז (פון פּלעץ) איז אַמאָל אָנגעקומען א בריוועלע, אַז די 2-טע ווייב, זאָל מאריך יאָמים זיין. איז ניט אין אַן ערעך א בעסערע פון דער ערשטער.. זער כאָכעם דער צענזאָר האָט די 2-טע ווייב אָנגענומען פאר אַ פּאָשוטער כאַיע, אָדער סאָרע...

— אַלס מיטל אַף ארומגיין דעם צענזאָר פלעגט אויך דינען אַ לאָש־קוי־
עש־ווערטל:

די פרעגסט זיך נאָך, טאַטע, וועגן „לעבעמען”? (לעבעם הייסט — ברויט), אַזא געפינט זיך ניט בא אונז אין ראָזע, בא אונז דינט דאָ איינער א „פריילעכע ברעקל”, די פאמיליע זיינע איז אבער ראָאָיו (הונגער).

פאָניע פלעגט זיך ווען ניט וועלן אפילע יע כאפּן אז „מ־פירט אים אין באָד־נאר אין וואָס שטעקט דער טייבל, איז געווען ניט פאר זיין מויאך..

ניט א... פאַרשטיי איך אירישע „בריוו פון דער ווירקנדער אַרמיי!”

(א זייך ניט א לעגאלער פון אָנהייב ביזן סאָף...)

צייטונגען און „סטאם־ליגנער”.

פאַר צייטונגען איז דאַמאָלסט געווען „א מ אַ ר ק”..

מי פלעגט לאַכן:

דער ליגנער זאָגט: אין דער פרי לאָז איך אַרויס אַ ל י ג ן אין גאַס, און צו פאַרנאַכט דערקען איך אים אַליין ניט..

אַז איינער פלעגט אָנהייבן דערציילן וואָס ניט איז, פלעגט מען אים גלייך איבער שלאָגן:

דערציילט דאָס, פעטער, אַנאַנדערן:

איך בין אַליין אַ ליגנער...

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די צייטונגען האָבן דאמאָלסט איבערגעטריבן אַלעמען — און געליגט אַך וואָס די וועלט שטייט...
איבערהויפּט האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט פון ליגן אויסגעצייכנט דאמאָלסט די צייטונג:

„אין דער מאַמען דיר אריין״!..

אזוי האָבן אידן בייזיג גערופן די „Русское Слово“ *). נאָר אידן פלעגן זיך איינקערן אויס צולייענען דעם נאָמען...

די פּעטערבורגער טעלעגראַפן־אַגענטור, וועלכע איז ביז דער מילכאָמע געוועזן פֿאַרקירצט: СПА (С-Петербургское Агентство) האט מען צו דער מילכאָמע (נאָכדעם אַז מ׳האט פּע-טערבורג מעשאנע האשעם געווען) איבערגעמאַכט אף ПТА (Петроградское Телеграфное Агентство).

אידן האָבן דעם ראָש-טייוועס: „פּטאָ“ פאַנאַנדערגעשיפ-רירט אף זייער שטייגער: „פּטאַ״ מאַכט: פּעטעכער (פראָאים) טייטשט אנדערש!..

און פלעגן נאָך טייטשן אַנדערש...

אַז מי פלעגט דערזעהען בא וועמען א צייטונג אין-האַנט, פלעגט מען אים גלייך אָפּשטעלן:

— צי אַזוי, ברודערל, האלסטו א בלאַט אין האַנט?

*) וואָס איז אַ „רוסיש וואָרט?״ (רוסקאָיע סלאָוואָ)—.א. „מאַמע״.

— וואָסי? ווי דען?

— קער זי איבער מיטן קאָפּ אראָפּ!

— וועט וואָס זיין?

וועט וואָס זיין? וועט זיין אַלץ פארקערט... וואס פאר-שטייסטו ניט?..

אף אזויפיל האבן זיך אידן אויסגעלערנט לייענען פ א ר ק ע ר ט, אז

אַמאָל האט א איד א זשורנאל געפּאַקס, א פרישינקען נומער, אין וועלכן עס איז אָפּגעמאָלט געווען א ריזערע א נייע קריגס-שיף, וועלכע איז נאָר וואס אראָפּגעלאָזן געוואָרן אַפן וואסער. דעם זשורנאל האָט ער גענומען, ווי א איד-דארף נעמען אַ ציימונג אין האַנט:

מיטן קאָפּ אראָפּ!

זעסטאָך, זאָגט ער, ווי פּאָניען גייט ניט!

— א נייאינקער „אָקרענט" (קריגס-שיף) — און שיין.. איבערגעקערט זיך...

אין דער יאפּאנישער מילכאָמע, האָט מען געלאַכט, איז בא אונז געווען א טעלעגראַפן־אגענטור אויך אפן גרונט פון גרויסן אָקעאַן.

פון יענער טעלעגראַפן-אגענטור האבן מיר געקראָגן

פון דעם גענעראל מ אַ ק אַ ר אָ וו עטלעכע יעדיעס:

אז עס איז צושעריקט געוואָרן ראָזשדעסטווענסקעס פלאָט

האָט מאקאַרעוו געטעלעגראַפירט:

Наши прибывают... *)

און אין עטלעכע טעג אַרום איז פון א״ם. פון גרונט פון

יאַם, געוועז א צווייטע יעדיע:

דער סיידער איז קאַמאַט פאַרטיג:

זאַלץ־וואסער און „נאָך עפעס״ איז שוין — דאַ;

עס פעלט מער ניט

מאַצע און שעאַר יעראָקעס.. **)

אַ ברוטאלער אנעקראָט איז געשאַפן געוואָרן אונטער דעם

איינ־רוק פון די ערשטע רעדיפעס אף אידן

און די ערשטע כוואַליעס רואינירטע וו־

מעליענצעס, וועלכע האבן אָנגעשפארט אין

וויטעבסקער גובערניע.

---

*) אונזער אוילאָם קומט צו..

**) מאקאַראָוו איז דערטרונקען געוואָרן אַרום פייסעך־צייט.

מאַקאַראָוו, פלעגט דער אוילאָם זאָגן, איז מאַשמאָעס א איד: ער ריכט דאָרטן אָפּ אַפּן גרונט פון יאם—א קאָשערן סיידער... (אַ וויץ ניט איינגאנצן ל'עגאלער).

דער אָנפּאָרן זייערער מיט די „בעבעכעס אין די הענט—ווי נאָך אַ פּאָגראָם אקוראט, די סינע, מיט וועלכע מ'האָט שוין באַווייזן זיי אַרומצופּלאָנטערן אין וועג, דער שושקען זיך פון די „שוואַרצע קויכעס" פון שטאָט, אז דאָס זיינען שפּיאָנען, און אזוי ווייטער א. א. וו. האָבן אַרויסגערופן דעם פאַרביסנסטן קאַעס בא די סאמע רוהיגע אידן אפילע...

פון איין זייט האָט זיך בלוט געגאָסן פון די אויגן און פון דער אַנדער זייט האָט מען ניט געוואָלט ערלויבן אַפילע אַזאַמלונג איינצואָרדנען לעטויוועס די נעליטענע, פילנדיק אין דער זאַמלונג אַ שטומען פּראָטעסט געגן די אונערהערטע רעדיפעס אַף אידן.

אידן האָבן געביסן די ליפּן...

אין יענער צייט האָבן מיר גענומען קריגן די ערשטע קלעפּ פון דעם דייטש אין מיזרעך-פּרוסיע... געפילט האָט זיך געפילט, אז די פאַרלוסטן אינזערע (потери) זיינען שרעקלעכע, נאָר דער שטאַב, ווי געוויינטלעך, פלעגט מעלדן:

געהאַרגעטע פון אונזער זייט—ווייניג...

האראדאק (ויטעבסקער גוב.) האט דאמאָלסט דערציילט וועגן דעם גוירל פון אינזערע הארוגיי-מילכאָמע אף יעגער וועלט...

די אדמיניסטראַציע פון גאַן-איירען האט אנגעגרייט ער־טער פאר די האַרוגיי-מילכאָמע פאר יעדער פאָלק

באַזונדער און אַנגעגרייט האָט זי זיי לעפי דער צאָל געהאַרגעטע נאָך די גאַזעטן-יעדיעס: פאַר די דייטשן די גרעסטע צימעקן (בא זיי האָט זיך געציבנט נאָך די צייטינגען געהאַרגעטע אָן א ברעג) און פאַר אונז — כאַדאָריהלעך קליינע...

עס האבן זיך גענומען באַווייזן די ערשטע מאַכנעס האַרוגים.

וועד וייט איר? דייטשן?

— ניין, רוסישע!

— רוסישע דאַרף באַ אונז אזויפיל ניט זיין: נאט, זעט אין אייערע צייטונגען:

Убитых — мало
(געהארגעטע איז ווייניק)

— זעסטאָך! מיר זיינען דאָך אָבער פאָרט רוסישע...

די אַדמיניסטראַציע האָט דעב אייליאָם ווי עס איז איינגעאָרדנט.

נאר נאָך די ערשטע פאַרטיעס האָבן זיך באַוויזן נאָך און נאָך... אָן א ברעג...

און אלץ — רוסישע.

די אַדמיניסטראַציע האָט דעם מויעך פאַרלאָרן:

וזאו טוט מען די אַהין? זעסטאָך: „פאַרקערטע

יאָצרעס!" באַ די דײַטשן איז געראָם, בלײַבן נאָך פּלעצער — און דאָ איז ניטאָ אַפילע וואו א גאָדל אַרײַנצושפּאַרן...

נאָך א קורצע באַראַטונג האָט די אַדמיניסטראַציע באַשלאָסן אויסצובויען ספּעציעלע אויפנאַמס-פּונקטן פאַר די רוסן...

— וואוהין ושע זאָלן מיר זיך אָבער אַהין טאָן דערוויל?

דערווייל? דער:ווייל? ווייסט איר וואָס? גייט אייך דערווייל אין קאַפּעקאַל..

פאַר דעם וויץ אָבער האָט זיך דערנאָך דער איילאָם אלײַן דערטראָקן און קיין גרויסע פארשפּרייטונג האָט ער ניט געקראָגן.

וועגן אונזערע גזהאַרגעטע פלעגט מען אין די צייטונגען שרייבן סטאַב:

Наши потери ничтожны...

אידן-„רוסאַקעס" (גרויסע קענער פון רוסיש) דערציילט מען פלעגן דאָס אויסטייטש:

אונזערע באַטאַרייעס זײַנען אונישטאָזשעט געוואָרן.

און... פ'עגן קאַמאַט איך אין דעם זיין טרעפן...

באזונדערס לייגן פלעגן די ציישונגען וועגן דער צאָל געפאַנגענע פון אונזער צאד.

דייטשן, פלעגט אויסקו עץ, נעמען מיר אין פלען אָן א צאָל; פון אונזער זייט באַרקערט, פאלט קימאט קיינער ניט אריין...

עס האבן זיך געפונען

באַטלאָנים־מאַטעמאַטיקער, ווייסע־ביליעטניקעס, געווייינטלעך, אָרער סטאַם ליידיקגייער, וועלכע זיינען ניט פויל געוועזן צופירן אַ שטריינגן כעשבן דער צאָל געפאַנגענע סיי פון איין צאַד, סיי פון דעם אנדערן (לויט די יעדיעס פון שטאב פון אונזערן) שוין אין עטלעכע כאַדאָשים ארום, זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האבן זיי אויפגעוויזן א רעכענונג אַז די מילכאָמע איז שוין אייגנטלעך פאַרענדיקט!

אַל־פּי אַריפמעטיקע איז דער דייטש שוין אַנ־אויסגעפאַנגענער אינגאַנצן: מיטן קאַנדווער מיט זיינעם, מיט האַק און פאַק..

אַזוי אָבער ווי דער אויסגעפאַנגענער דייטש פלעגט דאָך אַרויסווייזן די גרעסטע גוואורעס, האָט זיך דער אוילאָם פאַראינטערעסירט מיט די ציישונגס־ציפערן און האָט כאַפּ־קאָל־סאָף פאָרט אַנטדעקט דעם טאָעס פון זיי.

ווי וואַקסט דאָס די צאָל פֿון די געפֿאַנגענע וואָס מיר נעמען באַם סוינע?

— פֿון איין ראָטע קומט אָן אַ יעדיע אַז אין פּלען זײַנען גענומען געוואָרן 10 מענטשן, פֿון דער אנדערער ראָטע, אַז געפֿאַנגען געוואָרן זײַנען — 11 מאַן, פֿון דער דריטער, אַז קיין געפֿאַנגענע זײַנען גאָרניטאָ, — נעמט דער „באַלכעשבן פֿון שטאַב" און פֿאַרשרײַבט דאָס בעסאַך־האַקל אָן דעם ביבער צײַכן, — און אַנשטאָט 0+11, 10 באַקומט זיך באַ אים אַ קלייניקייט = 10110 (צען סויזנט הונדערט מיט צען)!..

פֿאַר וואָס פֿאַרלייקענען מיר די צאָל געפֿאַנגענע וואָס מ׳נעמט באַ אונז?

ערקלערן דאָס מיט דעם וואָס מ׳ווייל ניט שרעקן דעם אוילעם האָט מען בעשום אויפֿן ניט געקענט:

מאַמעס, אדראבע, פּלעגן דאַרצן דעם ריבוינע שעל-אוילעם פֿארן פּלען... בעוורע האָט דאָ געפּאַקט אַ ביאַנדער שפּיצל, — אַ ריין סטראַטעגישן:

— ווייל מיט די געפֿאַנגענע מיט אינזערע ווילן מיר בילכעכוויינז פּאַקטיש פֿאַרנעמען די לאַנד באַ דעם סוינע, פּאַסט עס פֿאַר עס ניט, אַז ער זאָל זיך כאַפּן מ׳פֿירט אים דאָ אין באָר...

און נאָך איז געווען א מיינונג:

מיר ווילן פּאַריטעט! אונזער אוילעם פון סאָקאָנע, לייגן מיר זיי איין ביי דעם דייטש אין יעפּאָזיט.. (אף „כראַנעניע") - זיכערער אפולע..

אז אין די ציימונגען האט זיך באַוויזן אז דער שטאַב האט געמאָלדן וועגן די גוואורעס פון דעם קאזאק קאזמא קרוטשקאוו, וועלכער האָט אין איין געשלעג דערהאַרגעט 11 דייטשן, האט זיך דער אוילעם שטאַרק געשפּייקעט אף וויפל די יעדיע איז אריכטיגע:

פון דעם, וואָס קאָזמאַ קרוטשקאָוו האט געבראַכט 11 זייגערס פּאר אבאווייז, איז נאָך גאָר קיין ראַיע ניט, אַז דאָס האָט ער 11 דייטשן דערהאַרגעט —

עפּשער איז ער, ווי יענער קאַזאַק.. גאָר אַליין אַ זייגערמייַסטער *)

---

*) אין דעם וויץ איז געלעגן אַ גאַנץ ביסנדער שטאָך:

א קאָזאַק, דערציילט מען, האָט אַמאָל אומגעטראָגן אַ פּאָר ראַביינער אמס טפּילן צו פאַרקייפן.

אז ירן הבן געגנמע באַ אים פרעגן:

וואָס האָסטו דאָס, ברודערל, צוגעשטולט?

איז ער מאָלע-רעצכע געוואָרן פאר דער באַליידיגונג:

Да что вы?.. Я сам сапожник.

איך בין הייסט דאָס, אַליין אַ שוכטער, איך האָב זיי אַליין אויפגעניים..

בייס׳ג אפּצולעצעווען פלעגן אידן פון די מילכאָמע־איבערזיכטן, וועלכע ׳עס פלעגן געבן די קריגס־ספּעציאַליסטן אין די צייטונגען דאַמאָלסט:

פאַרוואָס האָבן מ י ר עפּעס געמוזט אָפּטרעטן?

— ווייל גאָר פּאָשוט: אָט האָט איר אויך אַ רעכנונג, וויפל בליי ער לאָזט אַרויס פאַר א מינוט און וויפל מ י ר לאָזן אַרויס פאַר דער זעלביקער צייט. קלאָר ווי דער טאָג, אַז מיר מ ו ז ן זיך אָפּרוקן... אַדראַבע זייט א י ר א בעריע און טרעט ניט אָפּ!..

אדער:

פאַרוואָס עפּעס האָבן מיר אָפּגעטראָטן אָף 2 וועגן?

— ווייל עס איז ניט געווען קיין דריטע...

אָדער:

וו א ו ש ט ײ ט ד ע ר ד י ן, אַז מיר זיינען מעכויעוו ׳צו נעמען בערלין און קעניגסבערג און מיונכען א ף י ע נ ע ר ז ײ ט ג ר ע נ י ץ,— מיר קענען באַשטיין, אַז מיר זאָלן נעמען— אָריאָל אין ראָסטאָוו און סאַמאַרע א ף ד ע ר ז ײ ט ג ר ע נ י ץ...

וואָס איז די נאַפקע־מינע? אויך שכעכ!

איין זאך מער ניט האָבן אידן אנערקענט בא די קריגס־ספּעציאַליסטן:

וו אָ ס וו אָ ס, מעווינים אף פייער ז יי נ ע ן זיי:

ווי טאפּן זיי דאָס אָן די נאַפּקע מינע פון אַזוינע איידעלע מאַטעריעס ווי

Частый огонь

Сплошной огонь

Сильнейший огонь

Жестокий огонь

Ураганный огонь

Меткий огонь

Продольный огонь

Перекрестный огонь

א. אַ. וו., א. א. וו.

דער ביינקעניש נאָך שאלעם.

נ א ך ש אָ ל ע ם ה אָ ט ד ע ר א ו י ל אָ ב ג ע ב יי נ ק ט פ ו ן ד ע ם ע ר ש ט ן ט אָ ג אָ ן...

מ.פלעגט זיך צוהערן צו יעדער שאָרך, און גאנץ אָפּט פלעגט זיך טאַקע דוכטן, אז אָ ט-אָ ט ק ו מ ט ע ר ש ו י ן אָ ן, דער שאלעם דער געוואונשענער.

אלעווײלע פלעגט ארויסגיין א קלאנג, אז

ווילהעלם בעט שוין „מיר" (мир—שאָלעם).

דערנאָך אָבער פלעגט זיך ארויסווייזן, אז דאָס בעט ער —

מיר—אַ ל ץ: מיר—פ ו י ל ן! מיר—ד י א ר ט י ל ע־ ר י ע! מיר—ד י ב אַ נ ע ן! א. אָ. וו. א. א. וו.

מעלאמדים האבן דערפאַר געטאכקנט, אַז

אל תקרא „גרמניה" אלא—„גאָרמיינע"... *)

א יונגע ווייבל האט דערציילט אמאָל:

4—האַלטן שוין בא מיר, מער נישט אונזער כאַזער וויל גאָך ניט...

פון פראַנט פלעגן סאָלדאטן שרייבן פארטטעלטערהייט:

Дай бог, чтобы уже заговорили обо мне. . **)

אידן מיט בערד פלעגן זאָגן, אַז

רעבע-שאָלעם איז גאַר א גאנצע סעדרע געוואָרן

און שיינע מיידלעך פלעגן זיך כיינדלען:

אלע באָכרים טראַכטן און ריידן נאָר וועגן „מיר"...

אז מיר האַבן געמאַכט אונזער ערשטן אנגריף (אין מיזרעך-פרוסיע) איז ארויס א קלאַנג, אז

עס פירן זיך אונטערהאַנדלונגען צווישן אונז און דעם דייטש, —

א „טרונק" בעסער, און טנאָאים — שטעלן מיר:

ער זאָל אונז אָפּגעבן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי דעם גאַנצן שטאַך

---

*) מע דארף לייענען ניט „גערמאַניע" נאָר „גאר מיינע!"

**) האלוואי זאָל גאָט געבן, אַז מ׳זאָל שוין אנהויבן צו ריידן וועגן „מיר".

לאַנד פון אונזער גרעניץ ביז בערלין....

צום אָנהויב האָט דער אוילאָם די יעדיע אָנגענומען גאַנץ ערנסט, דערנאָך איז אָבער צו איר צוגעגעבן געוואָרן א „קליינע הויסאָפּעלע”:

אַף אונזער פאָרשלאַג אַהער האָט ווילהעלם פון זיין סטאַיוקע פון... טעלעגראַפיש געענטפערט מיט אַ בלויזן בלאַנק, געכאַסמעט מער ניט מיט זיין אייגענער האַנט...

אין שטאַב-באַ אונז האָט מען זיך בעשום אויפן ניט גע-קענט כאַפן, וואָס זאָל באַטייטן זיין מאָדנער ענט-פער.

מ'האָט באַשלאָסן אַ פרעג צו טאָן א איד ל, עפשער וועט ער זיך כאַפן, וואָס מיינט די טעלעגראַם.

און טאַקע: ווי גאָר דער איזל האָט אַקיק געטאָן פון וואַנען די טעלעגראַמע איז אַרייס, האָט ער גלייך פויסער געוועןֹ:

לייגט זיך גיט קיין פויגעלעך אין בוזים: עס וועט גאָרנישט אַרויסקומען.

ווילהעלם מיינט דאָס: לא! מיט אַ גרויסן אַלעף!

וואָס זעט איר ניט פון וואַנען
די טעלעגראַמע איז געשיקט גע-
וואָרן!?.

שפּעטער, אז מיר האָבן גענומען אָפּטרעטן, האָט זיך נאָך אַמאָל גענומען
הערן, אז

עס פירן זיך ווייטער אונטערהאַנדלונגען באַ אונז מיטן
טייטש, —

שאָלעם בעטן מ י ר שוין, און טנאָאים שטעלט ע ר:
א יי ן ק ל יי נ י ג ק יי ט:

אָדער מיר זאָלן אים אומקערן אַ ל ע ד יי ט ש ן,
וועלכע מיר האָבן באַ אים גענומען געפאנגען ל ו י ט א ו נ-
ז ע ר ע צ יי ט ו נ ג ע ן נ אָ ך...

אָדער

מיר זאָלן אים צושטעלן:

1) א פ י ר ע ר (וואַריאַציע) אַ גאַלעך ניט
קיין „פּיאַניצע" (שיקער)

2) א אידן ניט קיין געשלאָגענעם,

3) אַ באַרמהערציקע שוועסטער ניט קיין „געהאַטע-
(אַנ.ערליכע) און

4) אַ אַטשינאָווניק ניט קיין „וויאַטאָטשניק"
(באַבאַרגיק, נעמער).

בענויגייטע צום ערשטן טנאַי האָבן מיר זיך געמיזט מוירע זיין, אַז אין דער אַריפמעטיקע איז באַ אונז פאָרגעקומען א שטיקל טאָעס;

דעם אַנדערן — האָבן מיר זיך געוועסט גענומען אויספילן.

עס איז אָבער געווען ניט קיין גרינגע שטיקל אַרבעט.

דעם פּיצער האָט מען געפונען פאַרהעלטנסמעסיג גרינג, דעם אידן האט מען געמוזט אויסשרייבן פון שוידן, די באַרמהערציקע שוועסטער האָט מען געקראָגן קוים אין איין עקזעמפּליאַר (אַליין מאַטיאַנא ניקאָלאַיעוונאַ) און דעם פּשינאָווניק האָט מען בעשום אויפן ניט געקענט אויסזוכן.

מ׳האָט פאַנאַנדערגעשיקט אַגענטן איבער דער גאַנצער מעדינע...

נאָר דערנאָך האָט געראַטעוועט אַ טעלעגראַמע:

מי דארף שוין ניט, ווייל עס האָט זיך אויס־געלאָזן אַ ציבעלע אויך פון די ערשטע ...;

דער פייער האָט זיך גלייך פון דעם ערשטן טאָג אָן גע־געטרונקען, יעם אידן האט מען אין וואַגאָן שוין — „אָנגעלייגט אין קאָלנער". און די שוועסטער — האָט מאַפּל געווען...

זיי דערציילן, אז

רעבע וועלוול האָט דאָן א זאָג געטאָן:

אויב אַזוי, מיק טרובעט א באָלגאַר!
פּאָניע איז עפּעס געבליבן שטיין:

— אַ באָלגאַר גאָר? באאונז זאָגט מען געווייינטליך:
טרובע אַנאַלטן טערק!

— דער טערק, ברודערל, איז שוין פארנומען: אים טרובען אייגלאַנד און פראנקרייך...

א שטאַרקער קלאנג האָט זיך פאַרשפּרייט אין 9 כאַדאָשים ארום נאָכן אנפאַנג פון דער מילכאָמע, — אז

עס איז ערקלערט געוואָרן אַף 10 טעג א „פּערעמיריע";
עס דאַרפן אָפּהאָבן די באַרמהערציקע שוועסטער...

אידן פלעגן איבערגעבן, אַז מיטן שאָלעם האָט מען זיך פאַראייניקט אויך אין די הויכע פענסטער, אין פאַמאַליע־שעל־מאַילע (אַפּן הימל אונטער גאָטס פאַרזיצונג)

אפן הימל איז פאָרגעקומען א באַראַטונג וועגן דעם, ווי מאַכט מען אַ סאָף צו דער בליץ-פּאַרגיטונג.

עס איז געבליבן, אז מי מוז זיך אַריינמישן אין דער «קאַשע» און צינויפפירן די צראָדים אף אַ שאָלעם.

איז אָבער אופגעשטאַנען די פראַגע: וועמען שיקט מען אף אַריינצולייגן זיך אין דעם שאָלעם?

מ׳האָט פאָרגעלייגט מוישע-ראַבייִנו, ער זאָל גיין. נאָר מוישע-ראַביינו האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט:

— איך האָב פּיינט צומישן זיך דאָרטן, וואו מ׳שלאָגט זיך. אַ ייד דאַרף פון געשלעגן שטיין פון דערווייטן.

אייסוס האָט געענטפערט, אַז ער וואָלט גיין, נאָר איך בין דאָך אַ ראַטניק פון 2-טן ראַזריאַד (אַ בעזפּאַרטייִקער). אין מיינע יאָרן מאָבּיליזירט מען איצטער. ווער ווייס? מי קאָן נאָך מיך פאַרנעמען...

מאַכמעד האָט געפונען, אַז אים קען מען כיישעד זיין אין פּניעס, אַז ער האַלט פאַרן טערק.

געבליבן, אַז עס דאַרף גיין דער קאַוועיאָכל אַליין — אַליין דער ריבוינע-שעל-אוילאָם.

נאָר אויך דער ריבוינע-שעל-אוילאָם האָט געפונען אַז עס

איז אַביסל געפּערלעך אַראָפּצילאָזן זיך אַף דער זינדיקער ערד:

„איך זאָל גאָר אַף איין ווײַלע פאַרלאָזן מײַן „כיסא-מעלוכע״ — גלייך פאַרכאַפּט זי דער אימאַן-שמויניק ווילהעלם״...

און נאָך האָט מען דערציילט:

אין רעכטן פלאַקער פון מילכאָמע, אַז מי איז שוין פאַר־קראָכן שיידים ווייסן וואוהין, האָבן זיך סיי אונ־זערער, סיי ווילהעלמס געווענדעט צי דעם «לעבער קן״ נאָך הילף.

נאָר פון הימל איז אַראָפּ אַ באַס־קאָל:

איר האָט אָן מיר אָנגעהויבן, איר'ט אָן מיר ענדיקן!..

אין די פאָלקס־מאַסן האָט זיך געטראָגן דער גלויבן, אַז

די מילכאָמע איז ניט סטאַם אַ מילכאָמע,

אַז דאָס זיינען מאָשיאַכ'ס צייטן, —

חבלי לידה של משיח..

פרומע אידן פלעגן אין ספאָרים געפינען רעמאָזים אַפן

„קץ״ (אַף מאָשיאַכס קומען)

אַפּיקורסים פלעגן לאַכן:

פאַרוואָס קומט ער ניט, מאָשיאַך?

— ווייל מי האָט ביי אים מאָבּיליזירט דעם ווייסן פערד.

נאָר דאס פלעגן זיי אויך מוידע זיין, אז

די מילכאָמע איז — מילכאָמאָס —

גייג אומאָגויג (מלחמת גוג ומגוג)

גוג ומגוג, פארשטייט זיך, האבן זיי באַנאַנדערגעשיפּרירט אַף זייער שטייגער:

גוג מאכט גאַנעוו און גאַזלען

מגוג „ מער (מאַמזער) גאַנעוו און גאַזלען...

מאָשיאך איז סאָף-קאָל-סאָף דאָך געקומען.

געקומען נאָר פון אַ זייט, א מין „יוצא דופן“: עס האָט אויסגעבראָכן די גרויסע וועלט-רעוואָליוציע, וועלכע האָט רוסלאַנד די ערשטע אַרויסגעפירט פון דעם פארקניפּלטן פלאָנטער און ביסלעכווייז גענומען אַרויספירן פון אים אויך די איבעריגע מעלוכעס.

יועגן דער רעוואָליוציע — אַין א כּפּעציעלער אַרבעט.

וויץ, וואריאַציעס און באַמערקונגען, צוגעקומענע אין מעשעך פון דרוקן.

א) פון דער יאפאנישער מילכאמע.

1. מיט די יאפאָנער האט זיך די מילכאָמע אינזערע פאַרפירט איבער איין דראָגאָש (איבער איין פינטעלע).

דער זאָגט: יאַ! פאָניע! (איך: פאָניע!)

און יענער: ניין! יאַפאָניע!

(ויער. הייסט דאָס, זאָל האבן די האַשפאָע אפן ווייטן מיזרעך). *)

---

2. אונזערע ליטאָגראַפיעס פלעגן ארויסלאָזן דאַמאָלסט פאַרשידענע „לובקעס“ (בילדער) וועגן דעם, ווי מיר מאַכן אַ טעל פון זיי, (פון די יאַפאָנער): ווי א קאָזאַק, לעמאָשל, נעמט זיי אַפן פיקע גאנצע צעהן פאַר אמאָל, ווי א סאָלדאט שלינגט זיי מייעסווייז צום אָנבייסן א. א. וו. א. א. וו.

איינער האט אַ פרעג געטאָן ביים ליטאָגראַף:

שוים זשע מאכן מיר אלץ גוט? עס טרעפט דאָך, מיסטאָמע, אז דער יאפאָנער איז אויך וועןעס איז גווער?

---

*) פאַרגלייך מיטן וויץ: „ובכל אשר יפנה יצליח“ (זייט 19)

פאַרוואס איז ניטאָ כאָטש איין בילד, וואו זי מאַכן בעסער?

— יענע בילדער דרוקן זיך אין יאַפּאָניע...

3. וועגן דעם, ווי מיר האָבן זיך אָנגעוואָפּנט געגן זיי, האט מען דאַמאָלסט געלאַכט: דעם גענעראַל קוראָפּאַטקין האָט מען אין פּסקאָוו פאר זיין אַרויספאָרן אַפן פראָנט (ער איז געווען א פּסקאָווער גיט-באַזיצער) אָנגעגעבן מיט זיך אַף „האַצלאָכע" א גאנצן וואַגאָן מיט „געטשקעס" און אַ כוץ דעם אַ באַזונדער בילד פון „ניקאָלאַי דעם באַל-מויפעס" מיט אן'אויפשריפט:

Таким образом победишь*)

*) «אָבראַז» האָט א צווייענדיקע באַדייטונג:

אָבראַז — בילד און

אָבראַז — אויפן.

אַפן בילד האָט געמוזט זיין דער סטערעאָטיפּער —

Сим победиши..

נאָר אירן האָבן דעם טעקסט איבערגעמאַכט אַף זייער שטייגער, קעדיי נאָכמער איבערצושטרייכן די „ערנסטקייט" פון אונזערע האַכאָנעס.

4. און איבער אונזער האָפערדיקייט:

Шапками закидаем!

האָט מען זיך געוויצלט:

יע!

Шапками!

מיט די קעפּ אָבער צוזאַמען...

---

5. נאָכדעם אַז מאַקאַראָוו איז דערטרונקען געוואָרן האָבן די יאַפּאָנער, דערציילט מען, געבּרימט זיך:

„מאַקאַראָנעס“ האָבּן מיר שוין אויפגעגעסן, איצטער וועלן מיר זיך אָקאָרשט נעמען פאַר „די קוראָ-פּאַטקעס“... (גענעראַל קוראָפּאַטקין).

---

6. די באַלטישע עסקאַדרע, וועלכע איז געגאַנגען צו הילף דער פּאָרט-אַרטורער, האָט אויך געלאָזן נאָך זיך אַ ווערטל:

געגאַנגען איז זי לאַנגזאַם — און אַ „מאַרודע“ פלעגט מען דאַמאָלסט אונטערטרייבן:

Ну, двигайся, Балтийская эскадра! *)

ב) פון דער גרויסער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע

7. אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע (וואָס

---

*) זע קאַלאָשן (זייט 19)

פון 14—17 יאר) האָט זיך אין וויטעבסק פארשפרייט אַ קלאַנג, אז ערגעץ אַפּן עק שטאָט איז געבארן געוואָרן א קינד, שוין מיט אלע ציינער אין מויל, האט אויסגעשריען, אז די מילכאָמע וועט דויערן די יאָר נאכאנאנד און איז גלייך אָפּגעשטאָרבן... *)

---

8. וועגן אונזערע פּאָראָנקעס אף איר (אף דער מילכאָמע) פלעגט מען לאַכן:

אלץ איז בא אונז פראַנען: אי סאַניטארע צוגן, אי פארוואונדעטע. נאָר וואו די וואגאָנעס זיינען—זיינען קיין פארוואונדעטע ניטאָ, און וואו די פארוואונדעטע — קיין וואגאָנעס..

---

9. „סנאריאַדן" פלעגן אידישע סאָלדאַטן אָנרופן: „צוקערקעס" (קאָנפעטלעך):

---

*) דער קלאַנג האָט זיך נעהאַלטן א צייט. מי פלעגט אפילו אָנרופן די גאַס (פארשידענע גאסן, געווינסלעך) וואו דאָס איז קלוימערשט פארגעקומען.

«דער מאַלעך האָט גענומען ווארפן צוקערקעס״*...

„פון הימעל פליהען צוקערקעס*..״)

---

10. ווען אונזער אָפטרעטן פלעגן איון זיך אַרויסזאָגן, אז

פון אַזאַ קויפּן קען כאַפּן „דיכעוויק״...**״)

---

11. אז מיר האָבן איינגענומען גאַליצ ע האָט ניקאָלאַי ניקאָ-

לאיעוויטש טעלעגראפירט גינדענבורגן:

לאָז מיך אַרויס פון גאַליצ׳ע — גיב איך דיר אַוועק —

וואַרשע... ״״״)

---

12. פון אלע פעסטונגען האָט זיך לייגער פון אַלע געהאַלטן—

ריגע ״״״״)

אידן האָבן געלאַכט:

דאס איז דערפאַר, ווייל מי האָט זיך געכאַפּט אז

מי האָט זי צו וואָלוול פאַרקויפט; ציט מען —

---

*) אין כיידער אין די ערשטע טעג וואַרפט זעי

יעבע די אינגלעך — צוקערקעס. זאָגן, זאָגט ער, אז

דאָס וואַרפט דער מאַלעך פון הימל.

**) „דיכעוויק״ איז א מאַכלע, וואָס כאַפּט פערד פון

אַפולע האַסטיק-לויפן.

***) פאַרגלייך מי בעט בא או״ז.. (זייט 27)

****) זע: אין איין קליינער צייט א. א. וי. (זייט 30)

עפשער וועט זיך איינגעבן נאָך — ווי־פיל עס איז ארויסצוציען אפן מעקען...

1. מי פלעגט נאָך צוגעבן:

פון דעם דייטש איז אַמאָל אָנגעקומען אַן־אולטימאַטום:
אָדער די שטאָט גלייך, אָדער די געלט
אַצוריק!

ג) „אונזערע".

14. „אונזערע" פלעגן זאָגן אידן, לייענט פון היטל.

די מאיסע דערפון איז אַזוי: ער קען, קעיאדוא, קיין 2 ווערטער ניט צונויפלייגן; אי, עס טרעפט דאָך אָבער פאָרט אַז ער באַגריסט ווען אַ פּאַראַד, אָדער ענטפערט אף אַן־אדרעס? ווי טוט ער דאַמאָלסט?

— ווי? גאר פּשוט: די מיניסטאָרן שרייבן איבּ אָן אף א צעטעלע, וואס צו ריידן, און דעם צעטעלע קלעפּט מען אים צו פון אינווייניק אין היטל.

בעשאַסן רייכן טוט מען דאָך די היטל גיווייינטלעך אויס,
אין דער כאָכעם. לייענט פון דאַרטן..."

---

15. אַרומפאָרנדיק דעם פּראָנט, דערציילט מען, האָט אונזער
קייסער אין יעדער שטאָט און שטעטל פון אַווטאָמאַביל-פענ-
סטער פון זיינעם באמערקט גרויסע אָטשערעדן
באַ די קראָמען (די באַרימטע ברויט-אָטשערעדן).

די מיניסטאָרן האָבן אים איינגעשמועסט, אַז דאָס
שלאָגט מען זיך אין אָטשערעד נאָך
בילעטן פון דער מיכאָמע-האַלוואָע...
און דער שויטע האָט אָנגעקוואָלן פון הנאָע...

---

16. ס'איז געגאַנגען אַ קלאַנג:

מיר האָבן ערקלערט אַ פּריז פון אַ גאַנצן
פונט גאָלד פאַר ווילהעלמס קאָפּ.

דער דייטשעשער קאָמאַנד-באַשטאַנד האָט געוואָלט צוזאָגן
אַזאַ מין פּרעמיע אויך פאַר „אונזערנס" קאָפּ.
נאָר ווילהעלם האָט זיי אָפּגעהאַלטן: פּרוּווט באַ מיר
בעטן אַ צווייער פאַר איר...

"\) דער אַנעקדאָט גייט אָף אַ פּאָרטוגעזער קייסער (זע
„Всемирный юмор")

17. אין אלע שטעט און שטעטלעך פון כבוש פלעגן אידן בעאייס מילכאָמע אונטערטראָגן סיפּרס-טוירעס אים יונגער אוילעב האָט זיך געוויצלט:

— וואָס האָבן אידן געמיינט מיט דער מאַטאָנע מיט זייערער?

— געמיינט האָבן זיי:

אָט אַזוי ווי די טוירע העלפט אונז 2000 יאָר נאָכאַנאַנד, אָט אַזוי זאָל זי דיר העלפן...

---

18. באַגעגענען, געוויינטלעך, פלעגט מען אים אומעטום מיט „הוראַ“.

וועגן א ווייבל דערציילט מען:

זי איז געשטאַנען אין רעדל מיטן גאַנצן אוילאָם:

— אוי. זאָל ער אזוי קויעך האָבן צו לעבן, ווי איך האָב קייעך צו שרייען...

הוררראַ! הוררראַ! הוררראַ!

ד) „מיר און זיי“.

19. פארן נעמען דווינסק איז פון דעם דייטש אָנגעקומען א טעלעגראמע:

קלייבט א ביסל צ׳׳: מיר קענען א׳ין
אזא „העקדעש״ ניט אריינגיין. ״)

20. א דייטשעשער אָפיצער האָט זיך געוועגדעט צו א אידן
אין דווינסק, ער זאָל אים וויזן „וואו גייט מען
דאָ ארויס צוליב א קלייניקייט״.
דער איד האָט אים אָנגעוויזן אַפן מיטן גאַס:
אָט דאָ קענט איר, אויב איר ווילט...
— עס איז דאָך אָבער ניט קיין אָרדענונג!...
— יע, פּאַניע, ווען בא אונז וואָלט געווען אָרדענונג,
וואלטן מיר... אין בערלין...

ה) אידן אין מיליטער דינסט אמאל.

וועךטלעך פון דער

21. רעקרוטשינע

פון דער צייט ה. ד. וואס פאַר

״) „אָטשעווידצעס״ פלעגן דאַמאָלסט איבערגעבן
אז ווי נאר דער דייטש האָט גענומען דווינסק, האָט די
שטאָט גלייך גענומען פינקלען; און —
ריישיס כאָכמע, דערציילט מען, האָט ער געהייסן
אויסקערן דעם וואָקזאַל...

22. נאָיאָ־פּאָלאָזשעניע (פאַר דעם 1874 יאָר, ווען עס איז אַרויס דער Общ. Устав о воинской повинности).

23. א) די שטייסט היי־יאָר אַפן קליימל (די ויעסט היי־יאָר דאַרפן געבן ווענען עס איז פאר א סאלדאט).

ב) בא אים איז א קלייטל (מער אז 3 זין). זע: קלייטלעך (זייט 62 דארטן איז די צאל אנגעוויזן ניט ריכטיק.

ג) אַריינשרייבן אין א קלייטל (אַנ׳אַרעמאַן פלעגט מען צו זיין געזינד צושרייבן נעגידישע קינדער און דערנאָך פלעגט ער נעבעך מוזן געבן א „געפּעש).

---

24. אָפּגעבן אין קאַנטאָניסטן.

---

25. ער האָט צוגעשטעלט א קוויטאַנציע

אדער

א זאַטשאָטנע קוויטאַנציע.

---

26. דערקאָזען א געפּעש (קריגן אַנ׳אַבוואָטניק אָדער א פּאָימאַניק פאַרן זון)

---

27. אָפּגעבן בעז זאַטשאָטאַ („без зачета")

---

28. ער איז ערגעץ ניט „ווידנע" (ניט קיין פאַרשריבענער. אָן א פּאַס).

„Без зачета" פלעגט מען אָפּגעבן א בראָדיאַגע, אַזאַ וועלכער עס איז ערגעץ „ניט ווידנע".

29. הענט און פיס אָפּהאַקן און פאַר אַ סאָלדאַט אַיועקגעבן *)

30. אנ׳אכיואָטניק מיט א רויטער העמדל, מיט א האַרמאָניע...

31. מען גיט א ס. נאָך ווי אנ׳אַכוואָטניק, אז ניט שפּאַנט ער זיך אָפּ...

32. אוועקגעפירט אין אַ שוואַרצערביידל. **)

33. אף פּורים אהיים (בא די כאַפּערס פלעגט זיך ארום פּורים-צייט ענדיקן דער סעזאָן).

34. א קופּעץ איז א קייסער: פּאָטער פון סאָלדאַטן. (ניט אלע קאטעגאריעס פלעגט מען נעמען אין דינסט).

35. (לייע) די יאָוונטע (פלעגט מען רופן א ניקאלאיעווסקען סאלדאטס א פרוי)

36. בעשאַאָס עס איז ארויס „נאָוואָ פּאָלאָזשעניע״, זיינען די, וועלכע זי האָט פּאַרכאַפּט עלטער ווי 21 יאָר, מעכאַניש פּאָטער געוואָרן פון מיליטער-דינסט.

*) בא בערנשטיינען. (אידישע שפּריכווערטער און רע- דענסאַרטן).

**) אין אַ שוואַרצער ביידל פלעגט מען אַוועק- פירן אין די שפּעטערע צייטן (פאַר 1905 יאָר) אַרעס- טירטע רעוואָליוציאָנערן.

איינעם א יונגן-מאן האָט מען איינגעכאַפּט, אז ער זאָל
ט'ינען אין פּריסוטסטוויע, אַז אים איז 23 יאָר.
רוסיש ריידן האָט ער ניט געקענט — האָט ער אויף יע-
דער פראגע געענטפערט:

— (23) Двадцать три.

— ווי רופט מען דיך?

— 23!

— ווי רופט מען דיין טאַטן?

— 23!

— ווי ט'מען גערופן דיין זיידן?

— 23!

א. א. וו. א. וו....

אים האָט מען ארויסגעלאָזן — פּריי-
סוטסטוויע האָט געזעהן, אז זי האָט דאָ צו טאָן ניט מיט א
גרויסן באַר־דאַעס, — נאָר געבליבן איז ער
דערנאָך אפן גאַנצן לעבן מיטן צו-
נאָמעניש:

Двадцать три.

אן גייט двадцать три (א פּאַקט).

---

37. נאָך א איד האָט געקראָגן אַ צונעמעניש:

Бачка (Батька)...

אַזוי ווי ער האָט רוסיש אַ וואָרט ניט געקענט, האָט

מען אים פארזאגט, אַז אף שווערע פראַגן און איבער־
הויפּט אַף דער פ־אַגע וויפל יאָר אים איז זאָל ער ענטפערן:

Батька знает

נו, האט ער אף אלע פראגן קעסיידער געענטפערט:

Бачка.

ו) דער אנטייל פון אידן אין אמאליקע מילכאמעס.

38. בעשאאסן מילכאָמע מיטן טערק איז איינער א מעלאַמעד געשטאַנען אפן זייט פון דעם תוגר (סויגר—טערק).

אז עס זיינען דורכגעגאַנגען אונזערע כאיאַ־
לעס האָט ער געכאַפּט א פּאָר פּוסטע עמער
און האָט זיך גענומען ארומדרייען ארום דער ארמיי אהין
און צוריק. (ליידיקע עמער איז א שלעכטע באגעגעניש)

די סאָלראַטן האָבן יאָס באמערקט אין האָבן דעם
אידל „אָנגעבעכעט“ וויפיל עס איז אין אים
אַריין.

אין דער היים טיינעט צו אים די ווייב זיינע:

— וויפיל מאָל, שלים־מאַזל, האב
איך דיר געזאָגט, אז זואי 2 מעלאָכים
קריגן זיך זאלסטו זיך ניט מישן דערמיט!..

— עו עס איז שוין אבער גאָרניט יענער קלאַפּ אפילע!
סר כהכ! (עס האָט בא זיי שוין אפּגענומען דער קויעך). *)

*) פאַרגלייך: עס זיינען דורכגעגאַנגען ... (זייט 65)

ז) אידישע האשאגעס דאמאלסט וועגן מילכאמע.

39 פון א קליינער מילכאָמע ווערט א גרויסע מעה׳מע. ״)

---

40. ווער עס קען קיין פּיליער ניט שמעקן, דער זאָל ניט גיין אין דער מילכאָמע אריין ״)

---

41. אז מ׳ שיסט מאַכט מען „פו!״ ״)

---

42. אף מילכאָמע שטעלט זיך איזעק איין כאאיל אנטקעגן דעם אנדערן און וואַרפן זיך דורך מיט הייסע בולבע.

— קען מען דאָך טרעפן אין אנ׳אויג?

— רעדט מען אפּ אפריער, אז מ׳ זאָל קיין פּאראיבל ניט האָבן...״)

ח) ווערטלעך, וועלכע זיינען אריין אין שפּראך פון יענער צייט.

43 רעבע קאָרעיו, שיסט איר פריהער, וואָרום איר זייט עלטער.״״)

״) בא בערנשטיינען. (אידישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטן)

״״) פארגלייך: אף מילכאָמע שסט מען מיט הייסן אַרבעס (זייט 63)

״״״) באַ בערנשטיינען; פארגלייך: איז מען מעכאבער (זייט 67)

.44 זיי גייען אום נאַ שטאכי | מי איז שטאַרק אָנגעשטויסן איינער אַף דעם אנדערן; מי איז אַף מעסער
זיי זיינען נאַ שטאכי
מי גייט אום אַף שטאכי.

45 איך וואָלט אים מיט אַ ראָד-ביקס דערשאָסן.

.46 פארגעבן: | „פּאָ-וואָיענגאָמו".
דערלאַנגען
פארפאָרן

.47 זיי האבן אים אַטאַקירט פון אַלע זייטן
(אטאקירט אין דעם זין פון אַרומגערינגלט).

.48 אוועקשטעלן אף עקזעקוציע (סאלדאטן פלעגט מען אַמאָל אלס שטראָף פאר דער באפעלקערונג שטעלן אַף עקזעקוציע, ד. ה. פאנאַנדער־שטעלן אַף קווארטיר איבער די הייזער פון שטאָט. די באַלעבאטים פלעגן פון זיי אַרויסגעצופּט ווערן נאך די יאָרן און טעג. פון דאַנען שטאַמען די ווערטלעך „סאָלדאטסקע פּריוויאַזקעס".

.49 ער בינדט זיך, ווי אַ סאָלדאַט (ווי א יאָיון).

50 יאָשקע באַל-זאַקאָנניק.

(יעגן יאָשקע באַל-זאקאָניק גייט אזא מאַיסע: סאָלדאטן האבן זיך מילכאָמע-צייט אמאָל פאנאנדערגע-לייגט אף קווארטיר אין א אידישער שטעטל.

צו איינעם א אירן האט זיך אָנגעזעצט צופיל אוילאָם:

אין שטעטל האט זיך געפונען

אַ „יורַסער" (законовед)

„יאָשקע באל־זאַקאָנניק".

קום, זאָגט ער, מיט מיר צום אָפּיצער, און איך וועל אים דערווייזן, אַז נא אָסנאָוואַניע טאַקאָי טאָ סטאַטי זאקאָנאַ — אין א שטוב, וואו עס איז וויניג פּענסטער צום גאַס, האָט ער דאָס ניט געטאָרט טאָן.

דער אָפּיצער האָט דערהערט: „נא אָסנאָוואַניע טאַקאָי טאָ סטאַטי זאקאָנאַ" האט ער געכאפּט די נאַגאַיקע און גענומען קאַטעווען דעם זאקאָנניק, אז יענעם איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן.

ער האָט אים אַזוי. לאנג געשלאָגן ביז וואנען דער באַל־זאקאָנניק איז געפאלן אַ נעכאַלעש־טער אָן ד'רערד, דאַמאָלסט ערשט האט ער אים אָפּגעלאָזן.

גייענדיק אצוריק, רעדט ער מיטן קליענט מיט זיינעם:

מיינסטו אז מיטן שלאָגן איז דאָ ני-
טאָ קיין זאַקאָן? ניין, אדראבע:
איך האב אים געדארפט אָנרופן —
Ваше Высокоблагородие
און איך האב אים אָנגערופן
Ваше Благородие
איז נא אָסנאוואניע טאקאָי טאָ סטאטי
זאַקאָנאַ — פאַר ניט ריכטיג אָנרופן קומט שלאגן.
און נאך איז פראַנען – נא אָסנאָוואניע טאַקאָי טאָ סטאַטי
זאקאָנא — אז
Лежачего не бьют…
און דערפאר, ווי איך בין נאָר אנידער-
געפאלן, האָט ער טאקע שלאָגן אויפגעהערט..
— הייגט פארוואָס זשע ביסטו גלייך פון דעם
ערשטן שמיץ ניט אנידערגעפאַלן?
— הערסטו? איז אָבער פראַנען נאַ אָסנאָוואַ-
ניע טאקאָי טאָ סטאַטי זאקאָנאַ, אַז
Пока сила есть—держись!)

ט) אידן אף „סלוזשבע“.

.51 א איד איז א באַראבאנשציק.

.52 אָטסטאווגאָי קאזיאָל-באַראבאנשציק (פון דעם רוסיש:

Отставной козы — барабанщик).

53. א יעפרייטאָר מיט 2 בענדלעך (א אידישער טשין).

54. אנ׳אונטערפ..צער (אנ׳אונטעראָפיצער; דער הערכס־טער טשין צו וועלכן אידן האָבן זיך געקענט דערד־נען אין דער אַרמיי אמאָל. *)

י) אידישע סאלדאטן.

55. מי האט געוואָלט אַמאָל, דערציילט מען, אויספרואיין די דרייסטקייט פון סאָלדאטן פון פאַרשידענע פעלקער. מי האָט צושטעלט אלעמען אין א „שאַראַנג" (Шеренга) און פלוצלונג א שאָס געטאָן פון אַ האַר־מאט...

אלע זיינען צופאַלן פון שרעק, מער ניט איין אידל איז געבליבן שטיין. דער אוילעם איז פון אים ענציקט געוואָרן:

*) די לעצטע ציימן האט מען געלאַכט:
אידן האָבן קיין מאזל ניט:
אז מי האָט געגעבן פראַווא-זשיטעלסטווא איז ניטאָ וואָס צו עסן אין מאָסקווע;
אז מי קען זיין אנ׳אָפיצער — האט מען אַראָפ־געגומען די עפּאָלעטן...

וואָס פאראַ „נאנראדע" ווילסטו „זאַ כראַבראָסט?"

— אַ פּאָר אנדערע אונטערהויזן.

(עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך באַ...)

56. א איד קען אלע מעלאָכעס:

...טישעבעאָוו אַיז ער א זעלנער (א באל-מילכאָמע)..")

כ) אידישע מיינונגען וועגן א סאלדאט.

57. אָנגעגעסן זיך מיט קאַשע! (פּארגרעבט געוואָרן)

58. א סאלדאפּיאָר! (אַ נארישער סאָלדאַט)

59. א גיוארדיאַן! (אַ גיבער) די ווערטער: „Гвардия, Гвардеец" — פירן אידן ארויס פון דעם העברעאישן „גוואַר" (גבר) גיבער.

60. ביזטו אַ זעלנער, שמעק זשע פּולווער.**)

„) פּייסעך באקט ער מאַצע; שאָוואועס איז ער אַ גערטנער, טישע-בעאָוו איז ער אַ זעלנער, סוקעס איז ער א בוימייסטער, כאַנוקע — גיסט ער דריידלעך, ראָש האַשאָנע — בלאָזט ער שויפאָר.. (בערנשטיין)

**) בערנשטיין.

61. אלץ הינט און אַלע יעוואָנים און אַלע ראַבאָנים האבן איין פּאָנים. *)

62. וואס קלעקט פאַר אַ סאָלדאַט א מאַנצע? **) דאָס איז — ווי אַ יאָוון א ציקערלעקעך.

63. ווער איז געווען דער ערשטער סאָלדאַט אף דער וועלט?
— שבעם?
— פון וואַנען איז די ראַיע?
— ווייל ער האָט אָנגעהויבן „דינען“ ***)

64. א סאָלדאַט פון א אידענע! (אַ אידענע א מאַנסביל, אַ גי־בערטע ****)

*) בערנשטיין, פאַרגלייך — אַלע יעיואָנים. (זייט 73)

**) בערנשטיין.

***) פאַרגלייך: זינט דינען. (זייט 73)

****) פאַרגלייך: אַני׳איישעס־כאַאיל! זי איז אנט־שלאָפן מיט א סאָלדאַט.. (מיט אַן אָפיציר) (בערנשטיין)

ל) פּריזיוו.

א) פּריטשיטשעווען פון מאַמעס:

65. געטראָגן, געטראָגן און אוועקגעגעבן דעם יאָוון. *)

---

66. 40 טאַנייסים איינגעשפּאַרט אין... **)

ב) פּאַרדרוס פון דעם „באַל־ראָווער" אליין.

67. 50 קאַפּיטלעך טילים ווי אין... אַריינגעשטעקט...

וואריאַציע: ווי אין א „גענזענער"...

---

68. מי דערציילט:

אַנאַפּיקוירעס האט מען אַמאל פון פּריזיוו באַפּרייט און אַ פרומען יונגערמאַנטשיק — אָפּגעגעבן.

ווייסט איר פארוואָס ואס איז פאָרגעקומען אזוי, האט דער אַפּיקוירעס דעיקלערט, ווייל איך בין געגאנגען אָנגעלאָדענער מיט מיצוות, און ער — מיט אווירעס.

---

*) בערנשטיין.

**) פאַרגלייך: 40 מאַנייסים... (זייט 84)

אף מיר האָבן אַלע געטאַינעט:

א מ י צ ו ו ע א ף א ז א!..

און אף אים:

אַזא יונגער מאַן איז א ביטערע

אַ ו ו יי ר ע..

האבן מיך טאַקע די מיציזעס געפּראַטעוועט, און אים האבן

די אַווירעס באַגראָבן..

פּריזיוו-צייט פּלעגט מען אומלויפן צו „גוטע־אידן״.

דער רעבע פּלעגט בענטשן :

69 גאָט זאָל דעם זון דיינעם דורכטראָגן.

.70 גאָט זאָל אים אויסלייזן פין גויאישע הענט..

.71 א איד, דערציילט מען, איז אמאָל געקומען צים רעבן בעטן בא אים א בראָכע פאר דעם זון פאַר זיינעם. וועל־כער האָט געדאַרפט שטיין.

ווי רופט מען איבּ?

— ישראל (איסראָעל)

— ישראל? נו גוט! ער איז דאָך אלע, מיסטאָמע, 21 יאָר?

אך טוב לישראל סלה

(אך טרעפס אָן לויט דער אידישער נומעראַציע — 21)

דער פּאָטער איז ארויס צופרידן..

ער האט זיך אָבער בארעכנט דערנאָך אז דער זון איז נאָך דער מעטריקע 22 יאָר אלט, און וויבאלד אז די בראָכע איז דאך איינג פאַרבונדן מיטן צאָל 21 (אך) איז ער ווייטער אַריינגעלאָפן צום רעבן:

רעבע, ניט גוט! איך האָב זיך געכאַפּט אז מיין זון איז 22 יאָר אַלט. וואָס טוט מען?..

— נו, נו, נישקאָשע! בך יברך ישראל..

(בך טרעפט אָן 22)

דער פּאָטער איז געווען איבערגליקליך.

נאָר פּלוצלונג דערמאָנט זיך דער איד, אז ער האָט דעם זון ביים געבאָרן ניט גלייך פאַרשריבן (דאָס פלעגט מען טאָן, צוליב „ניט צושיסן“ דעם ערשטן זון די ליאַהאָטע זיינע), אז אין דער עמעסען איז ער אַלט די גאַנצע 23 יאר.

וואס זשע טוט מען?

ער איז קאַמאַט א ווינצנדיקער נאָך אַמאָל אַריינגעלאָפן צום רעבען:

רעבע, איך בין אומגליקליך: 23 יאָר!
דער רעבע האָט זיך פאַרטראַכט...
— שאַ, שאַ! זאָל גאָט געבן, אַז גך (23) זאָל איך זיין א בראָכע...

מ) טעכנישע פּריזיוו-אויסדריקן.

72. אָטסראָטשניק.

73. נאַגאָרניק (״

74. ער איז געבליבן מיט א גרויסן זשערעב; בלייבן מיט א גרויסן זשערעב.

75. ער׳ט געכאַפּט איבער דער ראַזוויאָרסטקע.

76. עס פעלט צום נאַבאָר.

77. ער האָט אף זיך 300 רובל (שטראָף)

״) עלטערע אידן באנוצן דעם טערמין «נאַ־גאָד» אין א שפּאַס:
מוצאי יום-כפור גייענדיק פון שול ווינטשעוו זיי זיך:
באַקומען נאַ־גאָד!
ד. ה. דער רבש״ע האָט זיי אָפּגעלייגט דעם איבערפּעקלען זיך אַף יענער וועלט — אַף א יאָר.

78. איצטיגע באָכערים, גייט א גלייכווערטל, זייגען געפּאַ-טערטע (דעם פּריזיוו), געקאָנטשעטע (קעמאַשמאָע, ד. ה. געענדיקטע אַ וועלכע עס איז שול) און פּאַרטיקע: ווי זיי שטייען איף זייגען זיי שוין פאַרטיק צום עסן, — ווארום דאַזונען דאַרף מען דאָך ניט...

79. ער איז אריינגעפאלן אין דעם „ספּיסאָק“ פון די „בני־ברק“ (ער איז מיט אַ כעסאָרן)

ג) אידן אפן פראנט.

80. א איד א קאַוואַלעריסט האָט זיך פון אימפּעט ארויפגע-כאַפּט אפן פערדל פאַרקערט, מיטן פּאָנים, הייסט דאס, צום הינטן פון פערד.

זע, ווי האָסטו זיך דאָס אַוועקגעזעצט?

— וואָס? פון וואנען ווייסטו וואוהין איך דאַרף פאָרן?...

81. און נאך אף איינעם, דערציילט מען, אז ער האָט זיך אַ „שווער פאַרוואונדעטער“ געלאָזט לויפן אָן א קאָפּ. געכאַפּט האָט ער זיך ערשט דאַמאָלסט, ווען ער

האט זיך אָפּגעשטעלט צו פאַררויכערען און האָט גענומען גלעטן וואונין צו שטעקן דעם פּאַפּיראָס ווײַנעם...

ס) א טעכנישער אויסדריק פון פראָנט

82 געבליבן שטעקן ווי א פּקימען (נאך א טרייפע; ד. ה. גאַנץ געבליבן איינער פון א גאַנצער מאַסנע).

ע) שפּאַסן און קאַלאַמבורן.

83. איך ווער, מײַנע ליבע עלטערן, אויסגעריסן נאָך די יאָרן און טעג, דער לעבן איז יעדער מינוט אין סאַקאָנע, דאָ איז הונגעריק און קאַלט, דאָס זעלבע פון אײַך צו הערן.

(פון א בריוו פון פראָנט).

84. עס האָט זיך אומגעקערט דער אויכאם פון מילכאמע: ווער אָן א האַנט, ווער אָן א פוס, ווער אָן אַ אויג, ווער אָן א קאָפּ... *)

85 טימקע-גאַנעוו האָט אַ־אַל אופגעגנייט זיך א פאָר שטיוול, באַשפּריצט זיי, ווי געהעריג איז, און געלאָזן זיך אין וועג אַרײַן.

*) וואָרטשפּיל:

ווער — кто און

ווער — сделайся

שיקנערהייט איז ער אַנשלאָפן געוואָרן און. די שטיוול האָט מען בײַ אים אַראָפּגענומען. אַז ער האָט זיך אויסגעכאַפּט האָט ער גענומען קוקן: „צי יאָ, צי ניט יאָ“.

ער איז נעבעך אַוועקגעגאַנגען ווייטער אָ באָרוועס. אויפן וועג האָט ער געפונען אַ שווערד, אַ לעבל ברויט און אַ צונג. ער האָט דאָס אַלץ אָנגעהאַנגען אויף זיך און אַרײַן אַזוי אין שטאָט אַרײַן.

דאָרט האָט מען זיך דערשראָקן פֿאַר אים נאָר איינע אַ „טרעפּערין“ האָט פֿויסטער געוויזן וואָס זאָלן *) באַטײַטן די זאַכן ויאָס אויף אים:

— דער שווערד באַטײַט אויף מילכאָמע און דער לעבל ברויט — אויף הונגער. (פּאַוזע)

— נו, און דער צונג?

— דער צונג איז אויף...

פ) פּאַניע, אײנגלאַנד, דײַטשלאַנד, פראַנקרײַך.

86. אַז פּאַניע הויבט אָן צו גיין, הויבט אָן אַ קאַלטער ווינט צו ווייען“)

87. ניט מיר אַ... האָט אַ דײַטש אַמאָל געבעטן אַ „רוס“.

*) בערנשטיין.

ק אָ י ע כ ל אָ ו אָ „ בא א צײַטונג־פּאַרקויפֿער. *)

---

88. די מילכאָמע וועלן מיר פירן ביזן לעצטן טראָפּן... רוסישע בלוט (פלעגן אירן פאַרריכטן גענעראַל פּרעזנטש׳ס רעדעס).

---

89. אויסטרײַך איז ניט אין אנ׳ערעך אנ׳ערנסטערער געגנער אײדער דײַטשלאַנד, װײַל אויסטרײַך האָט א גוטן „ס אָ ־ י ו ז נ י ק „ און דײַטשלאַנד — ניט.

---

90. בעשאַס באַלעגערן ווערדען כלעגט מען זיך וויצלען:
ווער דאַ וועט פאַלן איבער ניט ווערדען?

צ) פ א ר ש י ד ע נ ע.

91. א אידישער סאָלדאַט א פאַרוואָרפענער פײַסעך־צײַט אין הילף אין די אָקאָפּעס, שיקט א בריוול צום ריבוינע שעל אוילעם, אז יענער זאָל אים צושיקן כאָטש אײנע 50 רובל אף פײַסעך. צענזור האָט אָפּגעשפּיגן דעם בריוול, האָט באַשלאָסן דער־פירן דעם אידנס איליוזיעס ביזן סאָף און האָט אים אַרײַנגע־

---

*) פאַרגלײַך „אין דער מאַמעז דיר אַרײַן!“ (זײַט 12)

שיקט דורכן שטאַב, קלוימערשט אין גאַט׳ס נאָמען, 25 רובל.

אין עטלעכע טעג אַרום עפּנט צענזור אויף נאָך אַ בריוול פון דעם זעלבן אידל;

די 25 רובל דיינע ערהאַלטן, אַ גרױסן דאַנק, נאָר וױיטער ריבוינע שעל אוילעם, ניט שיק דורכן שטאַב דיוויזיע; זיי נעמען אַראָפּ אַ העלפט..

92. אַ פּיאַסטער אידל, אַ פּאָרוויאַרטשיק. איז שטאַרק אויפגעקומען אין דער מילכאָמע אין דער לעצטער און האָט באַ זיך גענומען איינפירן אַלץ אַפן נעגידישן שניט.

די װײַב זײַנע באַרימט זיך פאַר די שכײנעס אַרום:

געלויבט דער אויבערשטער, איך האָב צו אים קיינע טײנעס ניט. אַלץ איז דאַנקען גאָט באַ אונז פּראַנצן ווי באַ דעם גרעסטן נאָגיד. טאָמער פעלט נאָך אַ סאַרערושאַנקע, וועלן מיר אַזאַ אימירטשים אויך מיט דער צייט קריגן, זאָל זיך נאָר מאַכן אַ רעכטע..

ק) וואַריאַציעס.

93. „די אַנגליטשאַנקעס״... (זעיט 1, 6, 8, 9) וואַריאַציע: די איינגעלשע מאַלקע.

94. טרובע צ׳באַלכן טערק... (זעיט 8) וואַריאַציע: כרובע אַ טערק מיט אַ לאַנגן ציביק.

95. מאַך אויף אַ לאַנגן ציביק.

(אַז טאַבאַק־פּושקעס זיינען אויפגעמאַלט טערקן, רויכערן פון לאַנגע ציביקעס. דערפון זאָלן שטאַמען די ווערטלעך...).

96. מע זאָגט, אַז רוסלאַנד אַ. אַ. וו. (זעיט 10) וואַריאַציע: מען זאָגט, אַז עס פירן אַ מילכאָמע ראַסיי מיט רוסלאַנד, און פאָניע־גאַנעוו גייט אָפּ זיי אָפּ ביידן, און אַ סיוואָרע, אַז „אונזערער״ וויל זיך איך אַריינמישן אין איר. (די וואַריאַציע איז אָבער צופיל געקינסטלט)

97. וואָס פאַר אַ גוטס קען שוין פון אים, פון דעם פאָניע, אַרויסקומען.. (זעיט 23)

וואַריאַציע 1: פאָניע־גאַנעוו! קאַק איז בא אים אַ וואָרט

און „דיעניעזשקע״ איז באַ איב געלט (דיעניעזשקע האָט איך געהייסן א האלבע קאָפּיקע).

וואַריאַציע 2: פּאָניע-גאַנעיו! קאָק איז באַ אים א וואָרט און כל־גנב — א סך כער (Калганов — א פירמע אין מאסקווע).

וואַריאַציע 3: פּאָניע-גאַנעיו! ניקאָלאַי איז באַ אים דער גראַווגאָקאָמאנדויושצי און איך בין דאָס די וואַאינסטוואָ.

(איבערהויפּט קלינגט דאָס שיין ווען עס זאָגט א אידל א „ברעקל״) ״)

---

98 בערלין – קוש אהין.. א. א. וו. (זייט 24) וואַריאַציע: .. ני, קוש ביז וואַנען דס וועט קלינגען.

---

99. רעבע יויסעף (פראנק-יאסיף) ... (זייט 25) וואַריאַציע: פּראָאים יאָסל (עפּראאים יאסל).

---

100. Когда немцы напрут и т. д. (זייט 28).

וואַריאַציע: (״״) Когда наши напрут, немец нас...

---

101. פּין ליובאַוויטש א'ז די פארפארן קיין ליאדי... (זייט 31) און

---

*) פאַרגלייך: אז אָך און ווייי איז ש'ין צו פּאַניען (ז. 96)

**) די וואַריאַציע איז א ריכטיגערע, ווייל אין דער עמעסן זיינען מיר טאקע געגאַנגען אף פּרוס, און דער דייטש אף סערבּ.

102 פארן אריבערפארן „אין סטאַיקע"... צום קאפיסטיער (ז. 41)

דאס איז אַן אַנאַכראָניזם: ניט אין ליאַדי און ניט אין קאָפּיסט (Копысь) זיינען שוין צו יענער צייט קיין „גומע אידן" ניט געווען

---

103. רעבע, בענטשט מיך א. א. ו. (זייט 41)

וואַריאַציע:

רעבע נאָכעם, רעבע וועלוול און רעבע יאָסל זיינען אָנגעקומען אַף יעבידעס צום טשערטקאָווער, יעדערער:

רעבע, בעט גאָט פאַר מיר!

— פאַר אַלעמען, קינדערלעך, בעטן גאָט איז דאָך אוממעגלעך, זאָגט מיר קאַרשט, ווי איז בא אייך אין מעלוכע בענוגייע צו אידן?

ני, יאָסל, זאג דו, דו ביסט עלטער.

וואָס זאל איך אייך זאָגן, רעבע, גייט אריין אין אַ וועלכער שול איר ווילט וועט איר הערן, וואס אידן „צוהאלטן" פון מיר („קירה" — קייסער יאָרום הודו — איז בא אויסטרייכישע אידן — אַ גאַבצער „הייבגלייכטער").

— זייער וואויל מאַקען! אַשריך וטוב לך!

נו, און באַ דיר, זועלוול, וואו האלט
דאָס מיט זיך?

— נאַט־אײַך, רעבע, דעם קאָדעקס אונגוערן און טוט אַ
קוק: איידן האָבן פּאַרמאַלע רעכט גלייך
מיט די איבעריקע בירגער.

— נו, אויך נישקאָשע.

— איצטער, זאָג מיר קאָרשט, נאָכעמצי, וואָס טוט זיך
באַ דיר אין מעליכע?

— איך זאָל אײַך זאָגן דעם עמעס, רעבע, ווייס איך גאָר
ניט, צי עס זיינען פּראַגנען באַ מיר איידן אין לאַנד.
נאָר אויב פּראַגען — איז זיי גוט מיסטאָמע.

— ווייסט גוט? נאַ, טו אַ קוק די סוואָד זאַ־
קאָנעס דיינע, מיט די גזיירעס און בילבולים אַף זיי...

— קען איך דען, רעבע, וויסן אַלץ?
די לאַנד איז אַזוי גרויס, מענטשן אַזוי פיל,
און די קעפּעלע איז אַזאַ קליינינקע... עס איז
שוין פּשוט אַרומצוכאַפּן אַלצדינג...

— נו, גאָט זאָל געבן א. אַ. וו..

באַמערקטע פעלערן:

אין דער האַקדאָמע

		געדרוקט:	דאַרף זיין:
זייט I	שורע 2.	ט. אַג	טראָג·
„	15	צונעש קט	צונעשיקט.
„	2 (פון אונטן)	לעאַ ביד	לעאַיבור.
„ II	2.	א ן	אין
„	6.	וו ק	וויק
„	16.	עפּערטואַר	רעפּערטואַר.
„	2 (פון אונטן)	не хочут	плачут
„ III	18.	שאַפ (	שאַפן)
„ IV	8.	אַס	דאָס.
„	8.	אירן	אירי.
„	16.	א ן	אין.
„ V	15.	(ראה)	(יראה)
„ VI	8.	פין	פון
„	8.	האַב	האָבן.
„ VII	12.	ד רכן	דירכן.

אין טעקסט

געדרוקט: דאַרף זיין:

זייט 1 שורה 8. בילר,   בילד.

" 11. מייטעלעך   מייסעלעך.

" 7 " 2. רער   דער.

" 11 " 7. אישראאייל   איסראָאייל.

" 13 " 9. „יוס"   „יוש".

" 25 פריער זאָלפן גיין די שורות: „אך אז רעבע וועלוול זאָגט", און דערנאָך דער וויך; מאַי טימא ..

" 31 " 11. ליאַדי   ליאָזי:

" 38 " 6 (פון אינטן) בגיו   בניו.

" 39 " 9. דייכש   דייטש.

" 39 די באַמערקונג וועגן מוישע איציען דעם מעלאַמעד איז פאַנאַנדערגעיאָרפן אף צוויי זייטלעך אף דער 39 און 40 טער.

" 40. די באַמערקונג איז פאַנאַנדערגיוואָרפן אף 2 זייטן, אף דער 40 און 41־טער.

" 41 שורה 7 איס אאיל   איסראָאייל.

" 43 " 2 (פון אונטן) דבוינע   ריבוינע.

" 46 " 1 (פון אונטן) קוידעבאַאי   קידעבאָאי.

" 47 " 5. א דל   אידל.

				גערדוקט:	דארף זיין:
זייט	50	שורה	10	ווייעד	זייער.
″	51	″	8	סובמארינג	סובמארינעס.
″	54	″	11	ער	דער.
″	55	″	8	קנידעם	קוידעם.
″	57	″	9	אָריגינעלן מיט :	אָריגינעלן מ טל:
		″	12	פאטריאַרך	סינאָד.
″	61	″	10	בייטעווע	בעטעיוע (בזבע)
″	62	″	6	העפסס	העלפּס.
		″	10	מאייסעס	מייסעס
		″	10	איז	—
		″	11	א בער	איבער.
		″	11	אביואַטניק	אביוּאָטניק.
		″	7	(אונטן) פּאָ כטאַיוזיק	פּאָסטאַיושניק
″	63	″	9	א ר	איר.
		″	9	נ גן	זינגן.
″	66	″	6	באכמיע	כאָכמע.
″	76	″	10	יך	זיך.
″	99	″	7	(פון אונטן) קי	קיווער.
″	100	″	2	(פון אונטן) ניט פאַר פּאַר	ניט.
″	117	″	1	רייזע	רייזען".

זייט	שורה	געדרוקט:	דאַרף זײַן:
117	10.	ארויסשרייבן	ארונשרייבן.
119	1.	אַרימנײַן	אַרומגיין.
122	9.	איינג רוך	אײַנדרוק.
125	2־3.		(פעלט: ד״ר לוריע · אין א פעליעטאָן אין „פריינד". ביי אים דערציילט זיך דאָס וועגן דער טערקישער מילכאָמע פון 1877—78 יאָר).
126	3.	אויסקי ען	אויסקומען.
"	7.	באטלאָנים	באַלאָנים.
"	6 (פון אונטן)	שין	שוין.
127	9.	א ם א קל׳ניגקייס אים	— איין קלייניגקייט;
"	10	סייזנט	טויזנט.
"	2 (פון אונטן)	פאר עס	פאר אונז.
"	1 "	מ׳פירם	ווי מ׳פירט אים דאָ אין באַ־
128	5.	אז דער שטאַב	האָט געמאָלדן די יעריע פון שטאַב.
"	5.	וואס הפס.י דאס צוגעשט לם	וואו הפסו דאס „צו־ געשבוילט?"
129	1.	אָפצולעצע ען	אָפּרעצעווען
"	4	א יך	אייך.

גערדרוקט: דאַרף זיין:

זייט 130 שורע 11. א. א. ו. א. א. ו. א. א. ו. א. אַ. ו. ?

„ 131 „ 1. געמאַסקנט געפּאַסקנט.

„ 133 „ 5 (פון אונטן) (יוזריאַצ״ע) (ואַריאַציע:

„ 143 „ 2 (פון אונטן) או. ז. אונזי

„ 148 „ 4. נעבן געבן;

„ 8, נ.ידישע פרעמ־ע.

„ 151 „ 8, טויגר כויגער.

„ 152 „ 1, האַשאגעס האַסאָגעס.

„ 153 „ 6 (פון אונטן) ווערטלאַך ווערטלעך:

די נומעראַצ״ע דאַרף גיין אַזוי:

49) סאָלראַטסקע פּריוויאזקעס; ער בינדט זיך א. א. ו. און „יאָשקע באַל זאַקאָנניק״.

50) וועגן יאָשקע א. א ו.

„ 158 „ 1 (פון אונטן) שלאפן לאָפן.

ש) באַמערקונגען:

1. דער וויק, ווי אַ איר דרינגט אויס פֿון איין וואָרט אַ צווייטן (וועגן וואָס עס ווערט דערמאָנט אין דער הקדמה ווייט X), האָב איך ביים דרוקן אַרויסגעוואָרפן.

2. אייניקע בויגנס האָבן זיך געדרוקט אין מיין אפּוועזענ-הייט און דערפאַר האבן זיך, צום באַדויערן, אין זיי אַריינ-געכאַפּט אפולע טאָעסן.

3. דער פּרינציפּ פון אויסטיילן מיינע ערקלערונגען מ י ט פּ ע ט י ט איז צום סאָף ניט גאַר אויסגעהאלטן — עס האָט אויסגעפעלט פּעטיט.

אינהאלט:

זייט.

1. האַקדאָמע . . . . I--XI
2. לעגענדעס און וויץ פון די אַמאָליקע מילכאָמעס 1
3. ווי האָט זיך פאַרפירט די מילכאָמע ? 10
4. אף וועמענס צאַד זיינען געווען אידן אין דער גאַנצער צייט
פון דער מילכאָמע ? 11
5. אונזער צוגעגרייטקייט 18
6. אונזערע אָנגריפן און מאַפאָלעס 23
7. „אונזערער" אין ווילחעלפ 35
8. מיר און זיי 48
9. טעכניק און איר ראָליע אין דער מילכאָמע 51
10. אידן און זייער אַנטייל אין דער מילכאָמע 61
א) פריזיוו 73
ב) מאָביליזאַציע 87
ג) פראָנט 100
11. גיירושים און אידישע צאָרעס 109
12. צענזור 115
13. צייטונגען און „סטאַם-ליגנער" 119
14. דער בייגקעניש נאָך שאָלעם 130

וויץ, וואַריאַציעס אין באַמערקונגען, צוגעקומענע אין מעשעך פון דרוק.

זייט

א) № 1 — 6. פון דער שפּאַנישער מילכאָמע 139
ב) ״ 7 — 13. פון דער „גרויסער״ אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע . 141
ג) ״ 14 — 18. „אינזערער״ 144
ד) ״ 19 — 20. מיר און זיי 146
ה) ״ 21 — 37. אידן אין מיליטער-דינסט אַמאָל 147
ו) ״ 38. דער אַנטייל פון אידן אין אַמאָליקע מילכאָמעס . . 151
ז) ״ 39 — 42. אידישע השגות דאַמאָלס וועגן מילכאָמע 152
ח) ״ 43 — 50. ווערטלעך, וועלכע זײַנען אַריין אין שפּראַך
פון יענער צײַט 152
ט) ״ 51 — 54. אידן אויף „פלוזשבע״ 155
י) ״ 55 — 56. אידישע סאָלדאַטן 156
כ) ״ 57 — 64. אידישע מיינונגען וועגן א סאָלדאַט 157
ל) ״ 65 — 71. פּריזיוו 159
מ) ״ 72 — 79. טעכנישע פּריזיוו-אויסדריקן 162
נ) ״ 80 — 81. אידן אפן פּראָנט 163
ס) ״ 82. אַ טעכנישער אויסדריק פון פראָנט 164
ע) ״ 83 — 85. שפּאַסן און קאַלאַמבורן 164
פּ) ״ 86 — 90. פּאָניע, איינגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך 165
צ) ״ 91 — 92. פּאָרשידענע 166
ק) ״ 93 — 103. וואַריאַציעס 168
ר) באַמערקטע פעלערן . . . . I—V
ש) באַמערקונגען VI
ת) אינהאַלט . . . . VII—VIII

אין יער רעשימע פון די „באמערקטע פעלערן״ זיינען, צום באדויערן, ארויסגעפאלן א פאָר וויכטיקע טיקן־טאָעס:

אין דער האקדאמע:

	גערדרוקט:	דארף זיין:
זייט VII שורע 14—15. זוכט	נעבעך דערוגאָך...	איז דער, ווער עס זוכט ..

אין טעקסט:

	גערדרוקט	דארף זיין
זייט 164 שורע 4.	געבליבן שטעקן ווי א פקוימען	געבליבן שטעקן ווי א קוימען

פרייז ....

Гублит № 302 Тираж 2600 экз.

1-ая тип. Витполиграфтреста заказ № 1026.